Lodzer Tageblat № 25

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פרייז 15 גראשען

לאָדזער טאָגעבלאַט

היינט 6 זייטען

רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 100-57, פון אַדמיניסטראַציע 100-47.

דאנערשטאג, פ' בשלח, י"א שבט תרצ"א | 29 stycznia 1931 r. | 24-טער יאהרגאַנג

פּרעמיער סלאָוועק וועגן דער יודען פראגע

די רעגירונג וועט שטופּעוויז בעטראַכטן און ערלעדיגן די יודישע פאָדערונגען

ערקלערט דער פרעמיער נאכ'ן עקספּאָזע פון קאָלא-פּרעזעס ד"ר טהאָן, בעת אַ קאָנפערענץ אין פּרעזידיום פון מיניסטאָרן-ראַט

ערקלערונג פון פּרעמיער סלאָוועק פאַר דער „יודישער קאָלאָ"

וואַרשא, (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט 12 בייטאָג האָט פרעמיער סלאַוועק אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון יודישען „קאָלאָ", וואָס איז בעשטאַנען אין די פּערזאָנען פון דעפּ. דר. טהאָן און דעפּ. ראָזמאַרין און מיט זיי אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ, וואָס האָט געדויערט 1 שעה צייט.

דר. טהאָן האָט געהאַלטען אַ לענגערע רעדע וועגען דער יודען-פראַגע אין פּוילען, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצען קאָמפּלעקט פּראַגען, ווירטשאַפט-ליכע און קולטורעלע. זיין רעדע האָט דר. טהאָן אילוסטרירט מיט אַ רייה פאַקטען פון טאָג-טעגליכען לעבען.

אין ענטפער אויף דער עקספּאָזע פון דר. טהאָן האָט פּרעמיער סלאַוועק ערקלערט:

„איך וויל פעסטשטעלען, אַז די שטימונג סיי אין דער פּוילישער סיי אין דער יודישער געזעלשאַפט האָט זיך אויך אַזוי פיל געביטען, אַז די רעגירונג האָט שוין איצט די מעגליכקייט צו בעטראַכטען שטופּענווייז און צו ערלעדיגען די יודישע פאָדערונגען און פּאָסטולאַטען סיי בנוגע ווירטשאַפטליכע פראַגען, סיי בנוגע דער פראַגע פון די יודישע קהלות און יודישען שול-וועזען.

פּרעמיער סלאַוועק האָט אויך ערקלערט, אַז ער איז גרייט זיך צו בעקענען גענויער מיט די יודישע פאָדערונגען און דאַן אויך אננעמען אַ געהעריגע שטעלונג צו אַלע פראַגע.

די רעדע פון פּרעמיער סלאַוועק איז געהאַלטען געוואָרען אין אַ טאָן פון אויפריכטיגקייט און גינסטיגער בעציהונג צו די יודישע בעדערפענישען.

די קאָנפערענץ פון פּרעמיער מיט די פאָרשטעהער פון יודישען „קאָלאָ איז נאָך נישט פערענדיגט. קומענדיגע וואָך וועט פאָרקומען אַ צווייטע קאָנפערענץ.

פּאַציפיקאַציע פון מזרח-גאַליציען אין סענאַט

וואַרשא, (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די יורידישע קאָמיסיע ביים סענאַט האָט היינט בעטראַכט דעם פאָרשלאַג וועגען דער פּאַציפיקאַציע פון מזרח-גאַליציען. נאָך לענגערער דיסקוסיע איז אָנגענומען געוואָרען אַ עהנליכע רעזאָלוציע ווי אין דער יורידישער סיים-קאָמיסיע.

פאַר דער בודזשעט דעבאַטע אין סיים

וואַרשא, 28. יאַנואַר (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין דער בודזשעט-דיסקוסיע אין סיים וועלען די יודישע דעפּוטאַטען בעקומען סך-הכל 42 מינוט צו רעדע.

דעפּ. ד"ר טהאָן וועט רעדען וועגען אַלגעמיינע ענינים, דעפּ. ראָטענשטרייך וועט רעדען וועגען בודזשעט פון פינאַנץ-מיניסטעריום, דעפּ. ראָזמאַרין וועגען אַרבייטס מיניסטעריום און דעפּ. זאָמערשטיין וועגען בילדונגס-מיניסטעריום.

דער שטייער-צאהלער טאר נישט רואינירט ווערען

וואַרשא, (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום האָט פאָראָרדנט אַ צירקולאַר צו די פינאַנץ-קאַמערן, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אַז ווען אַ שטייער דראָהט צו רואינירען דעם צאָהלער, דאַרף דער שטייער נישט אויפגענומען ווערען.

אנשטאט העכערען דירה-געלד — אַ העכערונג פון לאָקאַל-שטייער

וואַרשא, 28. יאַנואַר (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון עקאָנאָמישען קאָמיטעט ביים מיניסטאָרען-ראַט, האָט דער אַרבייטס-מיניסטער גענער. נייגעבויער פאָרגעלעגט אַ פּראָיעקט צו העכערען דעם לאָקאַל-שטייער פון 8 אויף 20 פּראָצ. וואָס עס איז ממילא פערבונדען מיט אַ העכערונג פון דירה-געלד. די דאָזיגע 12 פּראָצענט פון געהעכערטען לאָקאַל-שטייער זאָל דינען דעם פאָנד פאַר בויען נייע דירות. פון ביז איצטיגען לאָקאַל-שטייער פון 8 פּראָצ. זענען 2 פּראָצ. אין דער גרויס געגאַנגען פאַר די זעלבסט-פערוואַלטונגען, 4 פאַר'ן מיליטערישען קוואַרטירונגס-פאָנד און 2 פּראָצ. פאַר'ן בוי-פאָנד ביי דער באַנק פאַר פאָלקס-ווירטשאַפט.

2 יודישע קרבנות פון דער אויטאָבוס-קאַטאַסטראָפע אין בידגאָשטש

בידגאָשטש, (ספ. צום „לאָדזשער טאַגעבלאַט")

צווישען די 6 אומגעקומענע בעת דער [...]ראַ'דיגער אויטאָבוס-קאַטאַסטראָפע, וואָס איז דאָ זונטאָג געשעהן, געפינען זיך אויך צוויי יודען: די 18-יעהריגע [...]מאַרקוס משעניקאָווסקי און מאַנפריד [...]ינאַך, בעידע שילער פון דער 8-טער [...]קלאַס פון היגען דייטשען גימנאַזיום. [...] זיי זענען גראָד צוריקגעקומען מיט'ן אויטאָבוס פון פאָרדאָן, וואו זיי האָבען פערברענגט אויף אַ „זינגערפעסט".

די קאַטאַסטראָפע האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפרעגונג צווישען היגען מאַגיסטראַט, וועלכען מען האַלט פאַר'ן שולדיגען אין דעם אימה'דיגען אומגליק. ווייל דער מאַגיסטראַט האָט נישט אָנגענומען קיין מיטלען צו פערצוימען דעם וועג אַרום קאַנאַל, וואו עס געפינט זיך די אויטאָבוס-סטאַציע.

סענסאַציאָנעלער סוף פון בלוט-בלבול אין טשעכאָסלאָוואַקיע

די קינדער ערקלערען פאַר'ן געריכט, אַז די לעהרערין האָט זיי צוגערעדט צום בלוט-בלבול

פּראָג, 28. (ימ"א)

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק פון קרייז-געריכט זענען געזעסען 2 יודען, וועלכע מ'האָט בעשולדיגט, אַז זיי האָבען געצאַפּט בלוט פון 2 קריסטליכע קינדער. פאַר די געריכטס-פערהאַנדלונגען האָבען די קינדער אָפּגעגעבען אַ העכסט-סענסאַציאָנעלע ערקלערונג: זיי האָבען נעמליך ערקלערט, אַז זייער לעהרערין און נאָך עמעס אַ מענש, וועלכע זיי האָבען אָנגערופען ביים נאָמען, האָבען זיי צוגערעדט, אַז זיי זאָלען מאַכען דעם בלוט-בלבול אויף די 2 יודען.

הערענדיג די גבית עדות פון די קינדער, האָט דער פּראָקוראָר ערקלערט, אַז ער ציהט צוריק דעם בעשולדיגונגס-אַקט קעגען די יודען און בעפעהלט צו אַרעסטירען די לעהרערין מיט איהר שותף.

די 2 יודען זענען תיכף בעפרייט געוואָרען.

קאָנפערענץ פון פּאַלעסטינא-ארבייט אין ניו-יאָרק

ניו-יאָרק, 28. (ימ"א)

אונטער פאָרזיץ פון ד"ה צירוס אַדלער איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ וועגען פּאַלעסטינא-ארבייט. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז ביז'ן חודש יוני זאָל געזאַמעלט ווערען 2½ מיליאָן דאָלאַר.

מין. זאַלעסקי וועגען איבער-שלעזיען

פּאַריז, 28 יאַנואַר (ט) מין. זאַלעסקי האָט אויף זיין צוריקרייזע פון גענף געוויילט צוויי טעג אין פּאַריז, וואו ער האָט ערקלערט פאַר אַ זשורנאַליסט, אַז ער איז זעהר צופרידען פונ'ם קאָמפּראָמיס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען בנוגע דעם דייטש-פּוילישען קאָנפליקט אין גענף.

ד. 28 יאַנואַר 1931 איז געשטאָרבען דער אונפערגעסליכער

נ"ע ד"ר מעד. זיגמונט מאַקאָוו

עהרען-פּרעזעס פון געז. צו העלפען טויב-שטומע עזרת „אלמים"

אין טערשטאָ בעווייזען פערלירען מיר אַ'ענערגישען מיטאַרבייטער און די אונגליקליכע טויב-שטומע אַן אויפריכטיגען פּאַטראָן.

כבוד זיין אָנדענק!

די פערוואַלטונג און דאָס פּערסאָנאַל

פון די געז. צו העלפען טויב-שטומע „עזרת אלמים"

די לויה קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז פּילסודסקיעגאָ 51.

אַ ווענדונג צו דער פערוואַלטונג פון בעקער-צעך

צוליב דעם, וואָס איהר בענוצט לעצטענס טעראָר-מיטלען אַקעגען די חברים בעקער, וועלכע ווילען נישט געהערען צו אייערע רייהען, און איהר שיקט זיי אַריין פערשידענע קאָנטראָל-קאָמיסיעס און מען סטראַשעט זיי אין אייער נאָמען און מען שטעלט געגען זיי צוזאַמען פערשידענע פּראָטאָקאָלען, ערקלערען מיר דאָס מיר וועלען זיך ווענדען צו דער געהעריגער מאַכט, בכדי אָנצונעמען די געהעריגע שריט געגען אייערע טעראָר-מיטלען.

משה פּאַזנאַנסקי און מאיר גאָלדבערג

עפענטליכע ערקלערונג צו די יוד. געזעלשאַפט

איך שטעל עפענטליך פעסט דאָס די מעלדונגען אין דער פּרעסע דאָס מיין חבר משה פּאָזנאַנסקי זאָל האָבען אונטערגעשריבען עפּעס אַ דאָקומענט אָדער געוועזען ביים וואָיעוואָדע פערשטערען באַקען אָדער האַנדלען אין זונטאָג איז נור אַ פּראָוואָקאַציע פון עטליכע פּערזאָן, וואָס זענען אויסען צו שאָדען דעם חבר מ. פּאָזנאַנסקי. פאַר דער עפענטליכער יודישע געזעלשאַפט אַלזאָ, ערקלער איך אָפען, אַז אַ דאָקומענט, וואָס איז אַריינגעקומען אין האַנדווערקער קאַמער דאַטירט דעם 8.10 1930 נומער 16870 געשריבען פון די קריסטליכע בעקערס ווי זיי פאָדערען, אַז די קאַמער זאָל אינטערווענירען ביים וואָיעוואָדא, אַז מען זאָל שטערען פערקויפען און באַקען אום זונטאָג און נאָך 7 אָוועגד. און איך שפּענד 500 גילדען פאַר וואוילטעטיגע צוועקען אויב דער אַנאָנס פון ח' מ. פּאָזנאַנסקי וועט נישט שטימען מיט דער ווירקליכקייט און זאָל די געזעלשאַפט אורטיילען, צי איז דאָס נישט קיין שגעון, אַז אַ מענש. וואָס האָט אַליין אַ בעקעריי און איך אָפען נעשעפט, וואָס 50 פּראָצענט איז געשטעלט אויף נאָך 7 אָוועגד און אויך אום זונטאָג זאָל אויף זיך אַליין אונטערשרייבען אַ טויט-אורטייל און יעצט זאָל די געזעלשאַפט אורטיילען. וואָס מען איז דאָ אויסען.

מיט אַכטונג מאיר גאָלדבערג נאַווראָט 14

ראַטמאַן פון דער האַנדווערקער-קאַמער אין לאָדז.
פּרנס פון דער יודישער קהלה אין לאָדז.

לאָדז ד. 28 יאַנואַר 1931.

פייערליכע ערעפנונג פון דער

פּיוואַרניע און קאַוואַרניע

אויף בזשעזשינער 16.

היינט, דאָנערשטאָג ד. 29 יאַנואַר 1931 קומט פאָר די ערעפנונג פון דער פּיוואַרניע און קאַוואַרניע אויף בזשעזשינער 16.

דער בופעט וועט שטענדיג זיין רייך פערזעהען מיט וואַרימע און קאַלטע צובייסען. עמפעהלענדיג זיך די ג' קאָנסומענטען און שטענדיגע בעזוכער פערבעט איך אויף דער ערעפנונג און צייכען

מיט אַכטונג מ. ווייסוואַהל בזשעזשינער 16.

Dr. med. R. Zalcwasser

כירורג

נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אַ זייגער אָוועגד
זשעראָמסקיעגאָ (פּאַנסקאַ) 1, טעל. 125-17
אין דער לעטשניצע, בזשעזשינער 11 פון 2–3

Dr. A. Mazur

וואָסכאָדניאַ 67, — טעל. 166-01
נעמט אָן פון 10 — 1,30 און פון 4 — 6 אָוועגד

אַכטונג, בוינער, גייער'ס און באַלוטער שעכטער!

מיר מאַכען בעקאַנט די פעראיינס-מיטגלידער, אַז היינט, דאָנערשטאָג, 7 אַזייגער אָוועגד וועט די פערוואַלטונג דיזשורירען אין פעראיינס-לאָקאַל, פּאָדזשעטשנאַ 10, וואו זי וועט פערטיילען די מיטגלידער האַנדעלס-ביכלעך, בעשטעטיגט דורכ'ן פינאַנץ-מיניסטעריום, וואָס בערעכטיגען צו צאָהלען ½% פון אומזאַץ. אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו קומען פּינקטליך אָפּנעמען זייערע ביכלעך. אין געגענפאַל וועלען זיי ווייטער צאָהלען 1 פּראָצענט אומזאַץ-שטייער.

די פערוואַלטונג
פון שעכטער-הורטאָווניקעס-פעראיין
פּאָדזשעטשנאַ 10

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אונזער הייסגעליבטער: מאַן, פאָטער, שוויגער-פאָטער, ברודער און שוואָגער

נ"ע ד"ר זיגמונט מאַקאָוו

(פּרעזעס פון דער געז. „עזרת אלמים")

די לוי' קומט פאָר היינט דאָנערשטאָג ד. 29 יאַנואַר 1931, 12 אַזייגער מיטאָג פון טרויער-הויז פּילסודסקיעגאָ (וואָסכאָדניאַ) 51, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע

ס'ווערט געבעטען נישט אָפּצוגעבען קיין קאָנדאָלענץ-וויזיטען.

פוילישע יודען ווערען איינגעלאַדען זיך צו בעזעצען אין בולגאַריען

די בולגאַרישע רעגירונג פערזיכערט שוץ, רעליגיעזע פרייהייט און קולטורעלע זעלבסטשטענדיגקייט פון די יודישע עמיגראַנטען

ניו־יאָרק, 28. (יט"א) דאָ ווײַלט איצט די ענינים פון נאַרקאָ־רוסי־פּאָנד דער גענו. בולגאַרישער פּרעמיער מיניסטער סטאַריאַן ראַמי־שעווסקי. ער האָט אָפּגעהאַלטען אַ קאָנ־פערענץ מיט דעם יודיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס.

אין אַן אינטערוויו מיט דעם פאַרשטע־הער פון דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור האָט דאַמישעווסקי ערקלערט אַז וואָס:

— דאָס אָרימע אָבער האָפענונגספולע בולגאַריען, וועלכע ליידט פון די מלחמה נאָכוועהען, שיקט אַן אַנטראָגונג צו די יודען אין רומעניען און אין פוילען, אַז זיי זאָלען זיך קומען בעזעצען אין אונזער לאַנד און מיטהעלפען אויסבויען דאָס גוט פּראָספּערירענדע לאַנד.

— מיר בולגאַרען זענען פרײַ פון אַנטיסעמיטיזם. די 50 טויזענד יודען, וואָס וואוינען אין אונזער לאַנד געניסען פון דער פולער גלײַכבערעכטיגונג.

מיר זענען שטאָלץ, וואָס אונזער רעגירונג סובסידירט דאָס העברעאישע שול־וועזען. מיר זענען גרייט אויפצונעהמען וואָס מעהר יודען, ווייל מיר קענען זייער אונטערנעהמונגס־גייסט.

זאָלען קומען די יודען און אונז העל־פען אויסבויען די אינדוסטריע־צווייגען בעזונדער'ס די קליינע אינדוסטריע. מיר וועלען די יודען נישט בעגרענעצען זיך צו פערנעהמען מיט די געשעפטען, וואָס זיי וועלען נאָר אַליין וועלען. דער יודישער עמיגראַנט וועט בײַ אונז בע־קומען רעליגיעזע פרייהייט, שוין און קולטורעלע זעלבסטשטענדיגקייט. איך גלויב, אַז דער יודישער עמיגראַנט וועט זיך אין בולגאַריען זיין לייכטער איינ־צואָרדענען ווי ערגיץ אַנדערשוואו.

יעהרליכע קאָנפערענץ פון פערבאַנד פון די טשעכאָסלאָוואַקישע יודען

פּראָג. (יטא) דאָ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען די יעהרליכע קאָנפערענץ פון „פערבאַנד פון טשעכאָ־יודען", וואָס איז די איינציגע אַסימילאַטאָרישע אָרגאַני־זאַציע אין טשעכאָ־סלאָוואַקיי. ה' מאַקס לעדערער האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען דער ענטוויקלונג פון דער טשעכאָ־יודישער בעוועגונג און וועגען דער פּראָ־פּאַגאַנדע געגען דער ציוניסטישער בע־וועגונג. עס ווערט מיטגעטיילט, דאָס לעצטענס דאָט זיך אין סלאָוואַקיי ענט־וויקעלט אַן אַנאַלאָגישע בעוועגונג פון סלאָוואַקאָ־יודען אונטער דער פיהרונג פון ד"ר הוגאָ ראָט.

לאַנגע דעבאַטען זענען אויף דער קאָנ־פערענץ געפיהרט געוואָרען וועגען דער שטעלונג צו דער יודישער אַגענץ. ענד־ליך איז בעשלאָסען געוואָרען אָפּצולייגען די פראַגע ביז דעם קונפטיגען צוזאַ־מענקאָהל.

בעגריסונגס־דעפּעשען צום יובילעאום פון נחום סאָקאָלאָוו

לאָנדאָן. (יטא) דער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע נחום סאָקאָלאָוו בעקומט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין 70־יעהריגען געבורטסטאָג וויטערע צאָהלרייכע בע־גריסונגס־דעפּעשען פון פערשידענע לענ־דער אויף דער וועלט. צוו. אַנד. זענען לעצטענס אָנגעקומען בעגריסונגס־דעפּע־שען פון ד"ר יאַקאָבסאָן (נעיף), הרב עהרענפרייז (שטאָקהאָלם), הרב גוראָק (רינגא), בירגערמייסטער דיזענהאָף (תל אביב), אַלעקסאַנדער גאָלדשטיין (פּאַ־ריז), דעפּ. פישער (קלויזענבורג), זלמן שאַקען (כעמניץ), אינזש. שוואַרץ (לי־סאַבאָן) און פון טיילאָר (פּאַרנוואָרט באַלטאָן).

וואַרמע בעגריסונגען האָבען צוגע־שיקט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, קרן קימת, קרן־היסוד־קאָמיטעטען אין בוקאַרעסט, טשערנאָוויץ, בראַילאַ, זאַ־גרעב, סאָפיאַ, פּאַריז, קאָפּענהאַגען און תל־אביב.

פון פוילען זענען ערהאַלטען געוואָרען הערצליכע בעגריסונגס־דעפּעשען פון „מרכז הציוני", דעם וואַרשאָווער ועד־העירוני, פון לעמבערגער קרן־קימת, פון אינזש. קערנער (וואַרשאַ), ד"ר ברוידע (לאָדז), פון דער יודישער קהלה און דראָהאָביטש, פון ציוניסטישען קאָמי־טעט אין דראָהאָביטש, פון ציוניסטישען קאָמיטעט אין קאַטאָוויץ, פון די ציוני־סטען אין בוטשאַטש, פון די העברעי־אישע גימנאַזיעס אין לאָדז און פיל אַנ־דערע.

גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס אין כאַרבין

פוילישע טעקסטיל־סחורות געפאַלען אין פּרייז

ל. פּיינגין שרייבט אין ביאַליסטאָקער „נייעם לעבען":

אָנקומענדיג קיין כאַרבין, האָב איך גלייך דערשפירט דעם קריזיס. אין האָ־טעל, וואו ס'איז תמיד, צוליב'ן גרויסען אָנגעלויף, שווער געווען צו קריגען אַ צי־מער, האָט מיר דער בעל דבית היינטיגס מאָל מקבל פּנים געווען מיט בעזונדער אויפמערקזאַמקייט, נאָכגעגאַנגען ביז'ן צימער אַריין און געשטאַנען פאַר מיר, ווי אַ קנעכט פאַר'ן האַר.

ווייזט זיך אַרויס, אַז קיין געסט זע־נען לגמרי נישטאָ. די אַמעריקאַנער און ענגלישע עקספּאָרטערען זענען זיך צו־פאָהרען; די פּרייזען פון די באַוול־אַפּאַל, וואָס לייגע פּלעגט עקספּאָרטירען אויף מיליאַרדען דאָלאַר קיין רעגענטאַרק און ענגלאַנד, שטעהען אויף לאָנדאָנער בער־זע אַנשטאָט 1.60 אַ פור אין יענם בלויז 40 סענט אין יענם.

דער טראַנספּאָרט האָט זיך אָפּגע־שטעלט. די מזרח־כינעזישע אייזענבאַהן האָט נישט קיין פראַכט און זי האָט דע־רויבער אָפּגעזאָגט עטליכע טויזענד אַנ־געשטעלטע. אַ צולאָג צו דעם אַלעמען האָבען לעצטענס די סאָוויעטען איבער־גענומען אַליין דעם האַנדעל אין מאָנ־גאָליען און קיין פּרוואַט־האַנדעל אין אורגא (די הויפּט שטאָט פון מאָנגאָלי־ען) עקזיסטירט שוין מעהר נישט.

אָט דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער פּרייז זאָל זיך פילשטענדיג אָפּ־שטעלען. אַ סך געשעפטען אין כאַרבין ליקווידירען זיך און די, וואָס דאַלעטען זיך נאָך, צאָהלען זעהר שוואַך. כאַרבי־נער קריזיס האָט זיך אויך אָפּגערופען אויף מוקדען, שאַנכאַי און טענצזין. צוליב געלד־דוחק פערקויפט מען דאָרט ביאַליסטאָקער סחורה אַ סך בוליגער.

נאָך אומגעריכט האָט זיך אַראָפּגע־לאָזען אויף בלויז דער נייער צאָל־טאַריף, כדי פון איין זייט צו פערגרעסערען אויה־רע הכנסות און אָפּהאַלטען דעם פרייען אַריינפיהר פון טעקסטיל־ און לוקסוס־אַרטיקלען, דאָט די נאַנקינגער רעגירונג פערגרעסערט פון 1־טען יאַנואַר דעם צאָל־טאַריף אויף טעקסטיל־סחורות אויף 25 פּראָצ. און אַנדערע אַרטיקלען אויף גאַנצע 40 פּראָצ.

די רעקען־פאַבריקען אין כאַרבין וועט זיי אַרום פערקויפען בילינגער איהרע אויסאַרבייטונגען אין ביאַליסטאָקער דע־קען וועלען נישט קענען אויסהאַלטען די קאָנקורענץ.

דער איצטיגער מצב פון דער שחיטה־פראַגע

אינטערוויו מיט הרב ד"ר עזרא מונק

בערלין. (יטא) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס די שחיטה־פראַגע איז לעצטענס ווידער געוואָרען אַ געגענ־שטאַנד פון פּאַרלאַמענטאַרישע אַרויס־טרעטונגען, האָט דער בערלינער „יטא"־פאַרשטעהער געהאַט אַן אינטערוויו וועגען דעם ענין מיט'ן פאַרזיצער פון „בורא פאַר שחיטה־אַנגעלעגענהייטען", הרב ד"ר עזרא מונק.

בעריהרענדיג די אַלטע אַרגומענטען פון די שחיטה־געגנער וועגען דער ספּע־ציעלער שמערצליכקייט פון שחיטה־אַקט לויט'ן יודישען דין, שטעלט הרב מונק פעסט אויפ'ן סמך פון די פאָרשונגען פון בערימטע פיזיאָלאָגען, ווי דער נאָ־בעל־לאַורעאַט פּראָפ. קראָג (קאָפּענהאַ־גען) און פיל אַנדערע, דאָס דער שחיטה־אַקט פיהרט גלייך צום פערלירען פון בע־וואוסטזיין און די שפּעטערע קראַמפּען פון דער געשאָכטענער בהמה זענען בלויז רעפלעקס־בעוועגונגען.

—:0:—

יוד. פּרויען־פערבאַנד אין א"י איינגעלאַדען צו דער אַלאַזיאַ־טישער פּרויען־קאָנפערענץ

ירושלים. (יטא) דער „יודישער פּרויען־פערבאַנד פאַר קאַמף פאַר פּרוי־ען־גלייכבערעכטיגונג" אין ארץ־ישראל איז איינגעלאַדען געוואָרען זיך צו בע־טייליגען אין דער אַל־אַזיאַטישער פּרוי־ען־קאָנפערענץ, וואָס איז צוזאַמענגערופען געוואָרען קיין לאַהאָר.

דער יודישער פּרויען־פערבאַנד האָט קיין דעלעגאַטינס נישט אַרויסגעשיקט, ווייל עס איז געשטעלט געוואָרען אַ בעדינגונג, דאָס די דעלעגאַטינס מוזען זיין געבוירענע אין אַזיען. דאַגעגען איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אַ בעגריסונגס־דעפּעשע צו דער קאָנפערענץ.

70־יעהריגער געבורטסטאָג פון יודיש־טשעכישען שריפטשטעלער ד"ר גוט־יאַרקאָווסקי

פּראָג. (יטא) די טעג האָט געפייערט זיין 70־יעהריגען געבורטסטאָג דער בעקאַנטער שריפטשטעלער און ער־שטער צערעמאָניע־מייסטער בײַם פּרע־זידענט מאַסאַריק ד"ר געאָרג גוט־יאַר־קאָווסקי, אַ יוד.

ד"ר גוט־יאַרקאָווסקי דאָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער טשעכאָ־יודישער בעוועגונג און האָט פערעפענט־ליכט אַ רייהע ראָמאַנען, ערצעהלונגען און הומאָרעסקען, וואָס האָבען געהאַט אַ בעריהמטען ערפאָלג. ד"ר יאַרקאָווס־קי האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ספּאָרט־בעוועגונג אַלס פאָרזי־צער פון טשעכאָ־סלאָוואַקישען אָלימפּי־שען קאָמיטעט.

ווער איז געווען מאַכמעד־אַלי?

די מערקווירדיגע געשטאַלט פון דעם פערשטאָרבענעם „מאַכמעדאַנישען גאַנדהי"

די „יטא" איז מודיע פון ירושלים, אַז די לויה פון בעריהמטען אינדיש־מוסולמענישען פיהרער מאַכמעד־אַלי איז אַרי־בער רוהיג און אָהן שום אינצידענטען. אין דער נאַכט פאַר דער לויה האָט די פּאָליציי געמאַכט מאַסען־רעוויזיעס צווי־שען קאָמוניסטען און אַרעסטירט 26 פּערזאָן. אויף דער פּאַהן־סטאַציע, וואו עס איז אָנגעקומען דער קערפּער פון מאַכמעד־אַלי, האָט זיך פערזאַמעלט אַ עולם פון 5000 פּערזאָן. פיל טויזענדער מענשען האָבען בעגלייט דעם מת ביז דעם אָמאַר־מעטשעט. אויף די גאַסען האָט מען פערקויפט פּאָרטרעטען פון פערשטאָרבענעם. קיינער פון די יודען, וואָס זענען איינגעלאַדען געוואָרען צו דער לויה, איז נישט בײַגעווען. עס זע־נען אויך געווען זעהר ווייניג קריסטען.

די יודישע אַגענץ האָט געשיקט אַ קאָנ־דאָלענץ־בריוו צום ברודער פון פער־שטאָרבענעם שאוקאַט אַלי, וועלכער גע־הערט אויך צו די איינפלוספרייכסטע מו־סולמענישע פיהרער.

ווער איז דער דאָזיגער מאַכמעד־אַלי? וועגען דעם שרייבט אין ניו־יאָרקער „טאָג" ב. צ. גאָלדבערג:

„מיט'ן טויט פון מאַכמעד אַלי האָט די וועלט פערלוירען אַ מערקווירדיגע פערזענליכקייט. אַ מענש, וואָס איז גע־שטאַנען מיט איין פוס אין מערב, מיט'ן צווייטען אין מזרח און מיט'ן האַרצען אין מעקא, ביים קבר פון דעם נאָמען, וועמענס נאָמען ער האָט געטראָגען.

מאַכמעד־אַלי האָט געשטאַמט פון גרויסען יחוס אין אינדיען. ער איז גע־קומען פון אַ רייכער פאַמיליע, און ווי אַלע אינדישע אַריסטאָקראַטען האָט ער זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער ענגלי־שער קולטור.

ווי גאַנדי האָט ער אויך געענדיגט אַ ענגלישען אוניווערזיטעט. זיין אוניווער־זיטעט איז געווען אָקספאָרד, וואו עס לערנען די צוקונפטיגע הערשער פון ענגלאַנד. און דאָרטען האָט ער זיך אויס־געצייכענט מיט זיין געלערנטקייט.

אָבער אַז מאַכמעד־אַלי האָט אויסגע־שטודירט, איז ער אַוועק צוריק צו זיין פאָלק און זיך געשטעלט און קאַמף — געגען ענגלאַנד.

און ער האָט געקעמפט געגען ענג־לאַנד אין איהר אייגענער שפּראַך און מיט אַנדערע אייגענע כלי־זיין — וואָס זי האָט איהם אַליין געלערנט צו בענוצען.

מיט הונדערט און זעכציג יאָהר צו־ריק, האָט ער געזאָגט אין אַ רעדע אין לאָנדאָן, האָט זיך בײַ אייך געבעטען בוירק — אייער אייגענער בוירק — נאָך צוגעבען די ענגלישע קאָלאָניסטען אין אַמעריקא זייערע פאָדערונגען. מיט גע־טען האָט ער אייך געהייסען געהן און נאָכגעבען.

ווען איהר וואָלט איהם געפאָלגט, וואָלט די גרויסע, רייכע שטאַרקע אַמע־ריקא נאָך היינט געווען אַ טייל פון אייער אימפּעריע און איהר וואָלט היינט נישט געדאַרפט רופען קיין ענטוואָפנונגס־קאָנ־פערענצען מיט פּאַרימענט־אָפּמאַכען, און איהר וואָלט נישט געדאַרפט צאָהלען קיין מלחמה־חובות און אונדז וואָלט —

און ער איז געשטאַנען ווי אַ צווייטער בוירק און געגעבען די לעצטע וואָרנונג, אַ פאַקטישען אולטימאַטום.

אַנישט וועט אינדיען פון דייטש, וואָס די ענגלישע קאָלאָניסטען האָבען געטאָן מיט הונדערט פיר און פופציג יאָהר צו־ריק.

און נישט נאָר געגען ענגלאַנד האָט ער געפיהרט דעם קאַמף פון זיין פאָלק, נאָר געגען אַלעמען, וועמען ער האָט געהאַל־טען פאַר פיינד פון זיין גלויבען.

דער אָקספאָרד־געשטודירטער מאַכ־מעד־אַלי איז געווען אַ געטרייער מאַכ־מעדאַנער און געזוכט צו פעראייניגען אַלע מוסולמענער.

ער האָט אַפילו געהאַט בדעה צו „מאַ־כען אַ טאָלק" מיט די מאַכמעדאַנער פון פּאַלעסטינא. דאָס וועט איצט טאָן זיין ברודער, וועלכער איז אויך אַ בעריהמט מעהר מענש.

איך ווייס נישט, ווי ווייט „ס'איז גוט פאַר יודען" אין פּאַלעסטינא מאַכמעד'ס טויט. אָבער ס'וואָלט זיכער כאָטש געווען מיט וועמען צו רעדען. נישט קיין מוסטי אל הוסייני".

פרייטאָג הויבט זיך אָן דרוקען
— אין —
„לאָדזשער טאָגעבלאַט"
אַ נייע שפּאַנענדע, העכסט־אינטערעסאַנטע סעריע
איבערלעבענישען
פון אַ לאָדזשער דעטעקטיוו,
וועלכער האָט אונז איבערגעגעבען דאָס אויסשליסליכע רעכט צו פערעפענטליכען די מערקווירדיג־אָנציהענדע געשיכטעס און פּאַסירונגען פון זיין שטויבענדער פּראַקטיק
! איינצעלהייטען לייענט אין מאָרגענדיגען נומער !
! איינצעלהייטען לייענט אין מאָרגענדיגען נומער !

פון לאָדזשער האַנדלעס־געריכט

—:0:—

רעגולאַציע פון עוזר מילגראַם

(§) אין אָקטאָבער פ. י. האָט דאָס אַפּעלאַציע־געריכט אין וואַרשע אָנגער־קענט פאַר דער לאָדזשער קאָרט־פירמע „עוזר מילגרוים", ציגעל־גאַס 43, אַ „גאַרזאַר".

אין די ערשטע דריי חדשים פון גע־ריכטס־אויפזיכט האָט די פינאַנציעלע לאַגע פון דער פירמע זיך נישט פער־בעסערט אויף אַזויפיל, אַז דער בעזיצער זאָל זיין אומשטאַנד אָפּצוצאָהלען די פולע סומען פון זיינע חובות, ווייל די קאָניונקטור איז אַליין געווען שלעכט און דער אומזאַץ איז געווען אַ מיני־מאַלער.

די אַקטיווען פון דער פירמע האָבען דאַן בעטראָפען 523,666 זל., דערביי האָבען די סחורות אָנגעטראָפען 87,740 זל., חובות — 37,194 זל., 50 פּראָצענט פון די פּראָטעסטען — 21,734 זל. און דאָס הויז איז אָפּגעשאַצט געוואָרען אויף 375000 זל. די פּאַסיווען האָבען בעטראָפען 522,316 זל., עטוואָס ווייני־גער ווי די אַקטיווען. אויסער בילאַנס דאָט די זשירא־אָבליגא בעטראָפען 25 טויזענד זל.

צוליב דעם וויל די פירמע רעגולירען אויף 70 פּראָצענט צו בעצאָהלען אין 2 יאָהר. דאָס געריכט האָט ערלויבט צו שליסען דעם רעגולאַציע־אָפּמאַך נאָר בתנאי, אַז עוזר מילגרוים זאָל געבען די קרעדיטאָרען היפּאָטעק־בטיחות אויף די רעגולאַציע־סומען, אויב זיי וועלען דאָס פאָדערן.

ווער איז געווען דער פערשטאָרבענער „תלמוד־קענער" פּראָפ. אויגוסט ראָהלינג?

פאַלסיפיקאַטאָר פון תלמוד־ציטאַטען, עלילת־דם־„למדן" און פערביסענער אַנטיסעמיט

ווין. (יטא) דאָ איז אין 92. לע־בענס־יאָהר, ווי „יטא" האָט שוין מעלע־גראַפיש מיטגעטיילט, געשטאָרבען פּראָ־פעסאָר אויגוסט ראָהלינג, דער זייגער־צייט בעריהמטער יודענפרעסערישער טעאָלאָג און קאַנאָניק.

פּראָפ. ראָהלינג'ס ספּעציאַליטעט זע־נען געווען אָנפאַלען אויפ'ן תלמוד. זיין בוך „דער תלמוד־יוד" (איבערזעצט אין אייניגע שפּראַכען) איז זיינע־צייט געווען אַ מין עוואַנגעליום פון אונטערנאַציאָנאַ־לען אַנטיסעמיטיזם. דאָס דאָזיגע בוך האָט געהאַט אַרויסגערופען (אין די 80־ער און 90־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט) אַ פערביסענע פּאָלעמיק. עס איז אַרום דעם בוך געשאַפען געוואָ־רען אַ גאַנצע ליטעראַטור.

אין דער דאָזיגער פּאָלעמיק האָבען זיך בעטייליגט פיל בעריהמטע מעלומ־דים אין תלמוד־פאָרשער. צוו. אַנד. האָט פראַנץ דעליטש געשריבען געגען ראָה־לינג'ן צוויי ברושורען. מיט פיל ציטאַ־טען און אַרגומענטען האָט פּראָפ. דע־ליטש אויפגעוויזען, אַז פּ־ף. ראָהלינג'ס תלמוד־ציטאַטען זענען „דורכאויס פאַל־סיפיצירט" און „געמיינע רכילות". ראָה־לינג האָט דעליטש'ן געהאַט געענטפערט אין אַ ספּעציעלער בראָשור.

פון דאַן אָן האָט פּראָפ. ראָהלינג פער־עפענטליכט אייניגע נאָך דער אַנדערער ביכער און אַנדערע פּובליקאַציעס, פיל מיט אָנפאַלען און בלבולים אויף יודען.

פּראָפ. ראָהלינג איז אויך אַרויסגע־טרעטען בעת דעם בעריהמטען עלילת־דם־פּראָצעס אין טיסא־עסלאַר און האָט „אויפגעוויזען", אַז יודען נוצען בלוט צו ריטועלע צוועקען. שוין דעמאָלט האָט ער זיך געהאַט מיאוס קאָמפּראָמיטירט און פערלוירען זיין אויטאָריטעט אין תלמוד־פראַגען.

דעם שטאַרקסטען קלאַפּ האָט אָבער זיין „למדות" בעקומען בעת ער איז אַרויסגעטרעטען אַלס עקספּערט אין אַנ־דערער פּראָצעס. יוסף שמואל בלאָך, דער רעדאַקטאָר פון דער „עסטרייכי־שער וואָכענשריפט", האָט איהם דע־מאָלט דעמאַסקירט און בעוויזען, אַז ראָהלינג האָט אַלס עקספּערט געשוואוי־רען פאַלש און פאַלסיפיצירט ציטאַטען. ראָהלינג דאָט צוגעצויגען בלאָך'ן צו גע־ריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט. ער האָט אָבער באַלד געמוזט צוריקציהען די אָנקלאַגע, ווייל די בעקאַנטע אָריענטאַ־ליסטען פּראָפ. געלדעעק (נישט לאַנג גע־שטאָרבען אין טיפען עלטער) און ווינ־שע האָבען פאַר'ן געריכט אויפגעוויזען, אַז פּראָפ. ראָהלינג'ס ציטאַטען זענען געווען פאַלסיפיצירטע. נאָך דעם פּראָ־צעס האָט זיך דער יודענפרעסערישער „תלמוד־קענער" אינגאַנצען קאָמפּראָמי־טירט און פערלוירען יעדען אַנזעהען אין דער ווייסענשאַפטליכער וועלט. איצט איז ער געשטאָרבען אין נויט, עלענד און אינזאַם.

אַלע שריפטליכע בעווייזען חענע'ס סוחר'ס אומזאַץ מוז די אַפּעלאַציע־קאָמיסיע פאַר שטייער־אונ־טער־זוכען און אָפּשאַצען

וויכטיגע דעציזיע פון העכסטען טריבונאַל

דאָס העכסטע אַדמיניסטראַטיווע טרי־בונאַל האָט איצט אַרויסגעטראָגען אַ אורטייל, וואָס איז וויכטיגער פראַגע דענס פאַר אַלע צאָהלער פון אומזאַץ־שטייער.

אין אַ קאָנקרעטען פאַל, וואָס דער העכסטער טריבונאַל האָט בעהאַנדעלט, האָט אַ שטייער־צאָהלער אין זיין רע־קורס צו דער אַפּעלאַציע־קאָמיסיע אָנ־געוויזען, אַז ער קאָן פאַרשטעלען זיין בוכהאַלטער פון די טעגליכע איינקינפטען, וועלכע קאָנען זיין אַנ'ערות, אַז זיין אומזאַץ איז געווען קלענער, ווי מען האָט איהם אָפּגעשאַצט. די שאַצונגס־קאָמיסיע האָט אויסגעצונען נישט גענומען טשטער פון אַנ'אומזאַץ צוויי מאָל אַזוי הויך, ווי ער איז אָנגעגעבען געוואָרען אין דער „זעזנאַניע". די אַפּעלאַציע־קאָמיסיע האָט איינגאַנצען נוט ענגענומען און אַבט דאָס פאָרגעלעגטע בוך פון די טעגליכע אומזאַצען צלויב דעם, וואָס דער שטייער־צאָהלער האָט אין זיין ער־שטער דעקלאַראַציע וועגען אומזאַץ נישט אָנגעוויזען, אַז זי איז געשטיצט אויף דעם בוך פון די טעגליכע אומ־זאַצען.

דאָס העכסטע טריבונאַל איז אַרויס־געגאַנגען פון דער הנחה, אַז די אַפּע־לאַציע־קאָמיסיע האָט נישט געהאַט קיין גרונד אָפּצוואַרפען נישט אויסגעפאָרש־טערהייט די פאָרגעלעגטע בעווייזען. די פאָרשריפט, וואָס פאָדערט אינטער־צוזוכען די האַנדעלס־ביכער און אַנדערע נאָטיצען, וואָס זענען נישט רעכטמעסיג אין דער „זעזנאַניע", קאָן נישט חל זיין אויף אַנדערע שריפטליכע בעווייזען, פאַר וועלכע עס איז נישטאָ אין דער „זעזנאַניע" קיין ספּעציעל אָרט.

די אַפּעלאַציע־קאָמיסיע מוז, אַלזאָ, אונטערזוכען און אָפּשאַצען דעם בעווייז־ווערט פון דעם פאָרגעלעגטען „בוך פון די טעגליכע אומזאַצען".

די דעציזיע ברענגט אויס בעדייטענד די רעכט פון בעווייז־מעגליכקייטען פון די שטייער־צאָהלער ביים פאַרמיי־דיגען זייערע שטייער־אַפּעלאַציעס.

אַ פערד אין אַ קלאָזעט־גרוב

(§) אויף צמענטאַרנא 3 האָט פּאַ־סירט אַן אומגעוועהנליכער פאַל. אויפ'ן הויף איז אַריינגעפאָהרען אַ אַסעניזאַצ־יע־וואָגען, דערביי איז דאָס פערד פון וואָגען אַריינגעפאַלען אין געעפענטען קלאָזעט־גרוב.

די פייערלעשער האָבען דאָס פערד אַרויסגעשלעפּט אַ צוקאַלעטשעט'ס.

שול־פעריען

1. 2. און 3. פעברואַר

(—) פון שול־קוראַטאָריום טיילט מען אונז מיט, אַז אויפ'ן סמך פון אַ פער־אָרדנונג פון בילדונגס־מיניסטעריום ווע־לען די טעג פון 1. 2. און 3. פעברואַר אַלס ענדע פון איצטיגען האַלבען שול־יאָהר, זיין פריי פון לימודים.

Dr. M. GOLDFARB
זאַוואַדזקאַ 18, טעל. 153-19
הויט, האָר און געשלעכטס־קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 9—12 פאַרמיטאָג און פון 5—8 אָוונט

Dr. med. M. Lerner
קינדער־קראַנקהייטען
זאַכאָדניאַ 64, טעל. 113-09 נעמט אָן פון 3—5

Dr. med. Adam Bender
נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 114-75

Dr. med.
Gustawa Zand-Tenenbaumowa
פרויען־קראַנקהייטען און אַקושעריע
איז צוריקגעקומען
און האָט בענייט די אויפנאַהמס־שעה'ן פון 3—4 נ"מ
וואָלטשאַנסקאַ 4. טעל. 220-25

לאדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענד
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.
אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowka 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: רעדאקציע 100-57, אדמיניסטראציע 100-47

דער זול

דער זול איז געקומען נאך איידער די רעגירונג האט איהם רעגלאמענטירט. ספאנטאן האט ער זיך אראפגעלאזען צו אונז פון אלע זייטען: פון פאבריק, פון ווארשטאט, פון קראם, פון טעאטער און קינא און אויך פון... דארף.

ער איז געקומען נישט דורך עמיצענס א דיקטאט, נאר פון נויט. דער עולם האט אויפגעהערט קאנסומירען, לאזט מען וואלוועלער, כדי צו צוציהען קונים.

די טעאריעס פון דערנעהענטערען דעם קאנסומענט צום פראדוצענט און פון אויסגלייכען די פרייזען אויף די דארפישע פראדוקציעס, ביידע טעאריעס שעדליכע פאר'ן יודען, שפילען ביים איצטיגען זול קיין שום ראלע נישט. דער שטארקסטער דיקטאטאר איז דאס לעבען, וואס האט זיין שליטה איבער'ן שטאט און איבערן דארף צוגלייך. איטליכער וויל לייזען, ווייל ער מוז האבען עפעס געלט. און אז מ'גיט נישט טייערער, לאזט ער ביליגער.

ווי אזוי ער טוט עס ביי די ביז איצטיגע מינימאלע פערדינסטען — איז טאקי א שווערע שאלה. געוויס זענען פאראן א סך, וואס פערקויפען אונטערן פרייז, ווייל זיי האבען קיין אנדער ברירה נישט. דער אויספיהר וועט זיין, אז ווער ס'האט נישט צו דערלייגען זיין אייגענעם לעצטען גראשען, וועט עס מאכען אויפ'ן חשבון פון זיין קרעדיטאר, וועט עס איהם אליין שוין אויך קאסטען ביליג...

צי האט דא די רעגירונג געהאט וואס צו טון? אוודאי האט זי אנ'ערנסטע אויפגאבע צו שטעהען אויף דער וואך און נישט דערלאזען צו קיין מיסברויכען, וועלכע זענען מעגליך ביי א פרייזען-ירידה, פונקט ווי ביי אנ'עליה. די נארמירונג פון די מארק-פרייזען, די טאקסירונג פון די סחורות און פראדוקטען אויפ'ן גרונט פונ'ם מצב אינ'ם געגעבענעם מאמענט — דאס איז די אויפגאבע פון דער מאכט. צי איז דער דאזיגער זול בכוח געזונטער צו מאכען אונזער עקאנאמיק?

אין פלוג קען עס אויסזעהען, ווי א מין אידיליע. עסענווארג פעהלט דאך נישט אין אונזער אגראר-לאנד, און אז מ'וועט בעקומען אלץ ביליג און מ'וועט זיך נאך דערצו אפזאגען פון מותרות, וועט מען דערווייל איבערשטופען די שלעכטע צייט, פון הונגער וועט מען נישט שטארבען, ביז דאס רעדעל וועט זיך איבערדרעהען.

אבער דאס לעבען איז נישט אזוי פשוט. מיר שטעהען שוין אויף אזא שטאפעל פון ציוויליזאציע, ווען דער מענש לעבט נישט בלויז פאר זיך אליין, נאר ער האט אויך גרויסע התחייבות'ן פאר דער געזעלשאפט.

איטלעכער בירגער מוז זיך בעטייליגען אין אויסהאלטען דער מלוכה, די קאמונאלע אינסטיטוציעס, די סאציאלע פערזארגונג פון ארבייטער, אינוואלידען, יתומים, קראנקע און כלערליי אנדערע, וואס די ארגאניזירטע געזעלשאפט זארגט פאר זיי.

וויפיל דער בירגער זאל נישט קארגען אויף די הוצאות, ווי ביליג עס זאל נישט זיין דאס אינדיווידועלע לעבען, קען מען אבער נישט אויסמיידען די הוצאות אויף אט די אלע מלוכה'שע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. און וואס קלענער ס'איז דער אייגענער בודזעט, אלץ שווערער און וואגינער ווערט דער דאזיגער אומפראדוקטיווער טייל פונ'ם בודזשעט...

חוצדעם זענען מיר אין א גרויסטען טייל פון אונזער לעבען פערפלאכטען מיט אימפארט-ארטיקלען, וועלכע געהערען שוין צו אונזערע ערשטע נויטווענדיגקייטען און מיר קענען זיך פון זיי נישט אפזאגען, און אויב ווידער מיר זאלען פרובען זיך אפזאגען דערפון, וואלט עס ערשט געבראכט א שטארקע צורודערונג אין האנדעל אינדוסטריע, ממילא אין דער גאנצער עקאנאמיק פון לאנד.

ניין מיר זענען שוין ארויס פון יענע וויקעלעך, ווען דער זול איז געווען א גליק פאר'ן לאנד און דער יקרות איז געווען א סינאנים מיט הונגער. דער איצטיגער זול איז א רינגעלע אין דער קייט פון דער אלגעמיינער קאטאסטראפע. ער איז א סימפטאם פון אונזער געפאלענקייט.

פאר די קריזיס-געליטענע מאסען איז ער בלויז א פאליאטיוו, מיט וועלכען זיי לינדערן די יסורים א קורצע צייט.

פ. ק.

נאך דער גרויסער וואך-נאכט אין סיים

וואס שרייבט מען וועגען פרעמיער סלאוועק'ס רעדע? — דער לאנגער צעטעל מיט חטאים. — סאנאציע-צייטונג זאגט מוסר דער ענדעציע און דער „ראבאטניק" לערנט דרך-ארץ די סאנאציע.

די רעדע פונ'ם פרעמיער סלאוועק און סיים האט געגעבען א קלארען און בולט'ן ענטפער פון דער רעגירונג אויף דער מעשה בריסק. די רעגירונגס-פרעסע האלט, אז מיט דער דאזיגער רעדע איז שוין איינמאל פאר אלעמאל געענדיגט געווארען דאס קאפיטעל „בריסק", וואס וועט פון היינט אן אוועקגעלעגט ווערען אין ארכיוו.

„קיינמאל נאך — שרייבט דער צענטראל-ארגאן פון דער סאנאציע „גאזעטא פאלסקא" — האט די אפאזיציע נישט בעקומען אזא פשוט'ן און קלארען אפשנייט, ווי נעכטען. קיין שום פארשטעהער פון א פוילישער רעגירונג האט נאך קיינמאל נישט אזוי אראפגעלעגט פון דער סיים-טריבונע, אזא לאנגען צעטעל מיט חטאים פון די, וואס האלטען זיך פאר די שומרים פון דער דעמאקראטיע, געזעצליכקייט און פאלקס-פרייהייט. דער פרעמיער האט פשוט צוזאמענגעשטעלט דעם גרויסען צעטעל עוולות, וואס זענען בעגאנגען געווארען געגען דער מלוכה און אויף דער צווייטער שאל פון דער וואג האט ער ארויפגעלעגט דעם פלומרשטען ביטערען גורל פון די פאר ארעסטירטע אין בריסק".

„די רעדע פון פרעמיער סלאוועק — שרייבט ווייטער די דערמאנטע צייטונג — איז אויסגעהערט געווארען מיט א געוואלדיגען אינטערעס. פון צייט צו צייט האט זיך נאר געלאזט הערען עפעס דארט א פאר אפגעריסענע ווערטער פון א צווישענרוף. ווען דער פרעמיער האט גערעדט וועגען דעם ארגאניזירטען מארש פון דער אפאזיציע אויף ווארשא, האט דעפוטאט בארליצקי געמאכט א צווישען-רוף: „און איך גלויבט דאס!" דער דאזיגער נאאיווער צווישענרוף ווייזט, אז די אפאזיציע האט בכלל נישט גערעכנט, אז די רעגירונג וועט נעהמען ערנסט איהר דעסטרוקטיווע ארבייט פון „שפילען זיך מיט דער מלוכה".

דער קראקאווער סאנאציע-ארגאן „א. ק. צ." פערנעמט זיך מעהר מיט דעם טייל פון דער היסטארישער זיצונג, וואס האט זיך בעשעפטיגט מיט דער פאציפיקאציע פון מזרח-גאליציען, ווי מיט דער רעדע פון פרעמיער סלאוועק. די צייטונג האט טענות צו דער לינקער אפאזיציע, וואס האט צונויפגעמישט די פאציפיקאציע פון מזרח-גאליציען מיט דער מעשה בריסק. „ווען עס געהט און געפינען סימפאטיעס, אדער מיטגעפיהל אין דער פוילישער געזעלשאפט — זאגט די צייטונג מוסר די פ.פ.ס. — טאר נישט זיינע אייגענע טענות און עוולות שטעלען אויף דער זעלבער הויך און אויף דער זעלבער פלאך פון אנ'ענין, וואו פון איין זייט טרעט ארויס די פוילישע מלוכה מיט איהר רעגירונג, פערטיידיגענדיג די גרעניצען פון רציחות און אונטערצינדונגען, און אויף דער צווייטער זייט — די אוקראינישע מערדער און אונטערצינדער, וועלכע טרעטען עפענטליך ארויס געגען דער גאנצקייט און די גרעניצען פון דער פוילישער מלוכה. דער פארשטעהער פון דער לינקער אפאזיציע, דעפ. דובוא האט קוועסטיאנירט אלץ, וואס עס האט פעסטגעשטעלט די רעגירונג. ער צווייפעלט, צי דער רוב אונטערצינדונגען זענען געווען א רעזולטאט פון סאבאטאזש, אבער דאגעגען האט ער נישט געהאט קיין שום ספקות, אז אלץ, וואס עס האבען ערקלערט די אוקראינישע דעפוטאטען אין זייער אינטערפעלאציע, איז אמת. נאך מעהר, דובוא האט געדראהט מיט אנ'אינטערווענץ פון אינטערנאציאנאלע פאקטארען, ער האט איראניזירט פון דעם אוקראינישען פארשלאג, וועלכער פאדערט, אז דער פוילישער אינערן-מיניסטער זאל מאכען אנ'אויספארשונג. דובוא האלט דעם דאזיגען פארשלאג פאר אונרעאל, ווייל דער דאזיגער מיניסטער האט דאך אליין איינגעארדענט די פאציפיקאציע".

דער זעלבער סאנאציע ארגאן האט אויך טענות צו דער רעכטער אפאזיציע און טאקע גערעכטע טענות. ווארום די צייטונג ווייזט נעמליך אן, אז „מ'האט געברענט פוילישע מאיאנטקעס, עס איז פערניכטעט געווארען פויליש האב און גוטס, עס זענען געמאכט געווארען אנפאלען אויף פוילישע מלוכה-אמטען און די ענדעקעס האט עס נארנישט געארט. אט די דאזיגע פארטיי האט דאך שטענדיג געשריגען וועגען דער נויטיגקייט צו פערטיידיגען די רעכטע פון די פאליאקען אין מזרח-גאליציען, און נעכטען בעת דער דעבאטע האט אויסגערעכענט אליין. וואס די סאבאטאזשניקעס האבען אפגעטון געגען פוילען, זענען די דאזיגע לייט געזעסען אויף זייערע בענק, ווי די מתים. און דער ענדעקישער פארשטעהער האט אפגעגעבען אנ'ערקלערונג, אז זיין פארטיי וועט נישט שטימען פאר'ן פארשלאג פון דער פוילישער מערהייט און נישט פאר'ן פארשלאג פון די אוקראינער". אט אזוי לערנט דער סאנאציע-ארגאן א פרק דרך ארץ די ענדעקעס.

דער נידערגעשלאגענער און „שווער געטראפענער" „ראבאטניק" לערנט ווידער א פרק דרך ארץ מיט די סאנאציע דעפוטאטען. די צייטונג ווייזט אן, אז די „אויפפיהרונג פון די סאנאציע-דעפוטאטען, וועלכע האבען איבערגעפילט די ערשטע בענק, האט פארגעשטעלט מיט זיך עפעס א מין פון „מכשיר זיין דעם בארדען" פאר דער ארויסטרעטונג פון פרעמיער סלאוועק. די דאזיגע אויפפיהרונג איז קודם כל בעשטאנען אין... א כיבערניי, וועלכע דארף אודאי אין דער איבערצייגונג פון די דאזיגע „דזשענטעלמענער" אויסדרוקען א סובטעלע איראניע." אויף יעדען געשילדערטען פאקט האט א טייל פון די ב.ב.-דעפוטאטען געענטפערט מיט א געלעכטער, הגם די שילדערונג האט נאר אויסגעדרוקט בלויז די מענשליכע ליידען אהן שום בעמערקונגען, אדער מסקנות.

די רעדעס פון דער אפאזיציע זענען נישט צו שלאגען געווארען און אפילו נישט קוועסטיאנירט געווארען."

צום סוף פון דעם ארטיקעל וויל „ראבאטניק" דערגעהן דעם סוד, פאר וואס מ'האט עפעס פלוצלונג אזוי איינגעשפאנט דעם סיים אויף א גאנצע נאכט און זי שרייבט אזוי: מ'האט אונז פון ערגעץ אינפארמירט, אז פון איבער די ווייטע ימ'ען איז אנגעקומען א בריף. דער אויטאר פון בריף זאל האבען מיט זיין בעקאנטען סטיל געמאכט פארווארפען די „ספערען", אז בעת דער בודזשעט-דעבאטע האבען זיי ערלויבט אויך צו בעטראכטען אנדערע ענינים. איבער דעם האט מען אלע זייטיגע ענינים געמוזט איינמאל פאר אלע מאל פערענדיגען און ריין מאכען דעם וועג פאר'ן בודזשעט. אט דאס שרייבט די צייטונג.

—פר.

יודישע אנוסים אין אפריקא, וואס לעבען אין די היילען

פערבלאנדזשעטע יודען אין א פערווארפען ווינקעל

אין מערב-אפריקא ליגען א פאר אינזלען, וואס זענען בעקאנט אונטער דעם נאמען „קאנאריאס" אדער „מענערדויף-אינזלען", וואס געהערען צו שפאניען.

די אלע אינזלען זענען וואולקאנאזירטע, מיט פייער-שפייענדיגע בערג און די בעפעלקערונג דארט איז זעהר אנ'ארימע.

זינט דעם 15. יאהרהונדערט האלט שפאניען די דאזיגע אינזלען אונטער איהר הערשאפט און אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע האבען זיך דארט בעהאלטען די „פערברענער" פון יודישען גלויבען, וואס האבען זיך נישט אונטערגעגעבען דער אינקוויזיציע.

די אינזעל פאלמא, אדער לאס פאלמאס איז דארט דער הויפט-פונקט פאר אייראפעאישע דורכרייזענדע.

די בעפעלקערונג, וואס בעטרעפט היינט אין לאס פאלמאס ארום 300.000 איינוואוינער, איז שוין געמישט מיט מאסען אייראפעער, אבער די ארטיגע איינגעבוירענע מונקעל-הויטיגע איינוואוינער, טראגען נאך אלץ דעם סטעמפעל פון נעגערטום. זיי לעבען אין גרויסע דחקות.

די איינציגע בעשעפטיגונג זייערע איז אדער נדבות פון אויסלענדער, אדער מתנות, וואס זיי בעקומען פאר שווארץ-קינסטלעריי, כישוף און נאך אזעלכע קונצען, וואס אייראפעער האבען ליב צו זעהען.

די אנשטענדיגסטע פרנסה זייערע איז דאס פיהרען אויף קליינע שיפלעך פאסאזשירען, וועלכע פאהרען קיין לאס פאלמאס.

די שפאנישע רעגירונג האט צוליב דעם פערבאטען דאס אנקערען פון די שיפען דירעקט ביים פארט, כדי אויסלענדער זאלען זיך מוזען בענוצען מיט די דאזיגע שיפלעך פון די ארימע איינגעבוירענע אויף צו ברענגען פאסאזשירען און שפעט ארויס.

פון דער זייט פון דער שטאט לאס פאלמאס ליגען גרויסע חורבות פון די אמאליגע מלחמות און ערד-ציטערנישען. אונטער יענע חורבות שטעהען קליינע שטיינערנע הייזלעך, וואס זענען קוים אזוי גרויס, ווי די מאס פון א מענש. נישטא קיין פענסטער און זיי נאר א שמאלער אריינגאנג און א טיר, וואס זעהט מעהר אויס ווי א לאך פון א דייל.

דארט וואוינען אבער מענשען, וואס זענען אמאל געוועזען קינדער פון יודישע בעלי-מיוחסין פון שפאניען און אין פארטוגאל און היינט רופט מען זיי „על מאנשא דעל בודיאס" (דער שאנד-פלעק פון די יודען), זיי זענען אנ'איבערבלייבעניש פון אנטלאפענע און פערשיקטע אנוסים.

די לאגעס פון יענע וואלקאנען, וואס הייסען „מענערדויף-אינזלען" האבען זיי נישט אינגאנצען פערלענדעט, ווערען זיי אוועק צו רעשט אויפגעפרעסען פון זשאוועך און קעלט און די שטיינערנע בודקעס, וואס זענען אפשר איבערגעבליבענע לעכער פון קאטוילישע תפיסות.

צווישען זיי עקזיסטירען נאך גרופען מיט קענטיגע מנהגים פון מאראנען זיי האלטען צוויי טעג אין דער וואך אלס רוהע-טעג — שבת און זונטאג.

פאר'ן עסן, וואשען זיי זיך די הענד מיט די פיס און דעם ערשטען ביס פון ברויט טונקען זיי איין אין זאלץ און ווי א פרומער יוד טונקט איין די „המוציא".

אין די פערוואגעלטע מוחות זייערע איז געבליבען א זכרון, אז אין א געוויסען טאג פון יאהר האבען יודען א יום-טוב פון מתן תורה.

דעם יום-טוב פון שבועות מיינען זיי, אבער זיי ווייסען נישט, אז שבועות ווערט געפראוועט דעם 6. און 7. טאג פון חודש סיון און זיי ווייסען אויך נישט וואס פאר א טראדיציע עס ליגט אונטער דעם יום-טוב שבועות.

הגם זיי האלטען נישט פון די קאטוילישע הויפט-דאגמען, אבער פון יעזוס'ן האלטען זיי יא. ביי מאנכע קאן מען געפינען אזא פענאמען. ווי דער גלויבען, אז אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט איז משיח און יעזוס איין און די זעלבע פערזאן.

אין ניטל (ווייה-נאכט) קומען זיך צונויף די מאראנען פון אינזעל לאס פאלמאס און ריכטען אפ תיקון. ווער עס קען פון זיי לייענען, לייענט פאר די צוהערער חמשה חומשי תורה אין שפאניש און זיי דערצעהלען זיך פערשידענע לעגענדעס פון דער יודישער געשיכטע אין שפאניען און פארטוגאל און די צייטען פון די אנוסים.

—=0§0=—

פערהאנדלונגען צווישען דער יוד. אגענץ און „אגודת ישראל"

בערלין. (יטא) די טעג זענען דא פארגעקומען פערהאנדלונגען צווישען די פארשטעהער פון דער יודישער אגענץ און „אגודת ישראל". אין משך פון דער לויפענדער וואך וועלען די פערהאנדלונגען פארטגעזעצט ווערען מיט'ן אנטייל פון מאסגעבענדע פערזענליכקייטען.

ווינען. (יטא) אין צוזאמענהאנג מיט די פערהאנדלונגען, וואס ווערען געפיהרט צווישען דער יודישער אגענץ און דער „אגודת ישראל", שרייבט די וויענער „יודישע פרעסע", וואס שטעהט נאהנט צו דער ליניע פון „אגודת ישראל" צוו. אגד.:

„דעם געגענשטאנד פון די בערלינער פערהאנדלונגען בילדעט די פראגע פון קאאפעראציע צווישען די ביידע קערפערשאפטען ביי דער א"י-ארבייט. די ערנסטקייט פון דער איצטיגער לאגע מאכט נויטווענדיג גענוי אויסצופארשען אלע מעגליכקייטען פון פראקטישער צוזאמענארבייט ביי דער אפהיטונג פון אבסאלוטער ארגאניזאטארישער זעלבסטשטענדיגקייט פון דער „אגודת ישראל"."

אויסגראבונגען ארום יריחו

ירושלים. (יטא) פראפ. גארסטאנג פון ליווערפול, וועלכער פיהרט אן מיט די אויסגראבונגס-ארבייטען ארום יריחו, איז שוין אנגעקומען קיין ירושלים און א געשפרעך מיט'ן „יטא"-פארשטעהער האט פראפ. גארסטאנג ערקלערט, דאס ער טרעט גלייך צו צו די אויסגראבונגען פון מויערען און הייזער אין יריחו.

—:0:—

א בעזוך אין דער לעצטער דייטשער מאנארכיסטישער מדינה, וואו עס הערשט א יודישע קעניגין

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט" -:- פון צ. ה. וואכסמאן)

דאס, וואס איך וועל דא דערצעהלען, איז נישט קיין ראמאן, גענומען פון א קינא-בילד, און אויך נישט קיין ערצעהלונג, גע'לקח'נ'ט פון אנ'אפערעטע. דאס איז אנ'אמת'ע געשיכטע, וועלכע לייענט זיך אבער, ווי א שפאנענדער ראמאן, און ווען איך וואלט נישט אליין געווען אין דער דאזיגער מדינה, וואלט איך א גרויסען טייל צוגעשריבען צו דער רייכער פאנטאזיע פון א טיכטיגען זשורנאליסט.

פירשטין עליזאבעט, די פרוי פון פירשט פראנץ פאן ליכטענשטיין, איז די טאכטער פון באראן גוטמאן אין ווין, און דאס אייניקעל פון א פשוט'ען יודישען סוחר, ר' מנחם גוטמאן פון שלעזיען.

דער זיידע פון דער היינטיגער פירשטין איז געווען אנ'ארימער יודישער סוחר אין א קליינעם שטעטעל אין שלעזיען. צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון פאריגען יאהרהונדערט, ווען מען האט ענטדעקט די שלעזישע קוילען-גרובענס ווארפט זיך גוטמאן אויפ'ן קוילען-מסחר. די געשעפטען געהען אוועק נישקשה'דיג. דער ברוהערדיגער קליינער סוחר ווערט פון טאג צו טאג רייכער. ער טראגט איבער זיין געשעפט קיין ווין, וואו ער פיהרט אין דער ערשטער רעם מסחר פון קוילען. די געשעפטען געהען אויך אוועק גוט און אין עטליכע יאהר שפעטער, ווען די קינדער וואקסען א ביסעל אונטער, ארבייט זיך ה' גוטמאן שוין אזוי ווייט ארויף, אז ער עפ'נט אפ א קוילען-גרוב. די געשעפטען געהען פון טאג צו טאג בעסער. מיט א יאהר שפעטער ווערט ה' גוטמאן געשאנקען פון עסטרייכישען קייזער מיט'ן טיטול באראן. דאס האט ער בעקומען פאר זיינע גרויסע פערדינסטען אויפ'ן געביט פון קוילען-אינדוסטריע. אט אזוי זעהען מיר אין עטליכע יאהר שפעטער דעם געוועזענעם קליינעם סוחר'ל פון א שטעטעל אין שלעזיען אלס דער באראן פאן גוטמאן, וועלכער איז דערווייל געבליבען א גאטספארכטיגער יוד, וואס פאלגט אין דער תורה און אין אווענד געהען אין שוהל דאווענען, צוגלייך מיט אלע פרומע יודען.

דער באראן איז אלט געווארען און דאס געשעפט געהט איבער צו זיינע 2 זוהן, די ברידער גוטמאן, וועמענ'ס פירמע עס עקזיסטירט נאך ביז'ן היינטיגען טאג אין ווין. איין זוהן איז א שטיק צייט געווען פרעזידענט פון דער יודישער געמיינדע אין ווין: דער צווייטער — דער פאטער פון דער היינטיגער פירשטין — איז געווען פרעזידענט פון דער „אליאנס" און אנדערע יודיש-פילאנטראפישע געזעלשאפטען. קינדער אבער געהען נישט אין פאטער'ס וועג און נאך ביים זיידען'ס לעבען קומען פאר געמישטע חתונות. היינט צו טאג איז שוין א טייל פון דער משפחה אויסגע'שמד'ט.

אונזער פירשטין פאן ליכטענשטיין בעקענט זיך אויך א באל מיט איהר היינטיגען מאן, דעם פירשט פראנץ, וועלכער איז נאך דעמאלט געווען א יונגער שעהנער לעבע-מאן. צווישען דעם פאר פלאקערט זיך פונאנדער א זעהר פייערדיגע ליבע און עס האלט שוין גאר נאהנט, זיי זאלען חתונה האבען, אבער דא מישט זיך אריין זיין ברודער, פירשט יאהאן, דער רעגירענדער הערשער, פון ליכטענשטיין, און מיט'ן דארבען ווארט פערזאגט ער זיין ליכטענשטיינער ברודער, ער זאל זיך נישט דערוועגען טון אזא שריט, וועלכער קאן איהם נאך קאסטען דעם כסא המלוכה פון ליכטענשטיין. עס האבען נישט געהאלפען קיין טענות — ביידע האבען זיך „דערווייל" געמוזט אפזאגען פון שדוך.

יאהרען לויפען שנעל: די באראנעסע גוטמאן האט זיך דערווייל געטרויעט און חתונה געהאט מיט אנ'אנדער קריסטליכען אדעליגען הער. דער אלטער פירשט יאהאן איז אינצווישען געשטארבען און זיין ברודער, פירשט פראנץ, האט איבערגענומען די מלוכה. אבער „אלטע ליבע ראסטעט נישט". אונזער פירשט פראנץ האט אין די לאנגע יאהרען נישט פערגעסען זיין געליבטער און בעת יענע איז נאך דער מלחמה געווארען אנ'אלמנה, האט זיך דער פירשט ווידער אנגעהויבען שדכנ'ען צו זיין אמאליגער געליבטער, וועלכע — ווי מען זאגט — האט אויך געהאט א היבשען נדן. דער רעזולטאט איז געווען, אז מיט 2 יאהר צוריק איז מיט גרויס פאראד געפייערט געווארען די חתונה פון פירשט פראנץ דעם ערשטען מיט דער באראנעסע עליזאבעט פאן גוטמאן.

באלד נאך דער גליקליכער חתונה האבען אפילו די אנטיסעמיטישע בלעטער א ביסעלע אונטערגעברומט געגען דער „פעריודישונג" פון דער לעצטער דייטשער מאנארכיע. אבער, ווי עס ווייזט אויס, האבען זיי זיך דאך איבערגעבעטען. מיט עטליכע טעג צוריק איז מיר גראד ארייננעפאלען איינע פון די דייטש-נאציאנאלע אנטיסעמיטישע בלעטער, וואו עס האט זיך אויף דער ערשטער זייט שטארק געווארפען אין די אויגען דאס בילד פון דעם „הערשער-פאר" פון ליכטענשטיין. נישט דערמאנענדיג א ווארט וועגען יודען און יודישקייט.

וויילענדיג לעצטענס אין ווין, וואו איך האב זיך אזוי פיל אנגעהערט וועגען דעם דאזיגען מלוכה'לע און וואו עס לעבט דאך ביז היינט די משפחה גוטמאן, האב איך בעשלאסען צו בעזוכען דאס דאזיגע משונה'דיגע מדינה'לע, וואס מען קען צופוס אויסשפרייזען אין עטליכע שעה אין דער לענג און אין דער ברייט, און וואס איז איינס פון די אינטערעסאנטסטע ווינקעלעך פון אייראפעאישען קאנטינענט.

איינגעפרעסט צווישען די דריי מדינות — עסטרייך, דייטשלאנד און שווייץ — ביי די ברעגעס פון רהיין, ליגט די דאזיגע פרידליכע מדינה ארומגערינגעלט פון הויכע מיט אייביגען שניי בעדעקטע משונה'דיגע בערג. אויפ'ן אייזענבאהן-וועג פאריז—ווין, 4 מינוט נאך דער שווייצארישער גרעניץ, שטעלט זיך דער שנעל-צוג אפ אויף איין האלבע מינוט ביי דער קליינער באהן-סטאציע שאאן-וואדוז. טויזענדער מענשען פאהרען יאהר איין, יאהר אויס פארביי דער דאזיגער סטאציע, נישט בעמערקענדיג, אז זיי געפינען זיך אין איינער פון די קלענסטע מדינות אויף גאט'ס ערד. צוגעבען מוז מען, אז צו דעם געהערט זיך שוין א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט, ווייל קיין איינציגע באהן פערמאגט נישט די מדינה און אפילו נישט קיין איינציגעם „צאל-אמט". מיט דעם שטיקעל שטרעקע פון 6 מינוט נסיעה אויף דער ליכטענשטיינער טעריטאריע גיט זיך אפ די עסטרייכישע בונדעס-באהן, און אויף דעם גרעניץ-שטייער געבען אכטונג די שווייצארישע זשאנדארמען: ליכטענשטיין האט אזא אפמאך מיט דער שווייץ. אויפמערקזאם קאן מען נאר ווערען, ווען דער קאנדוקטאר שרייט פייערליך אויס: פירשטענטום ליכטענשטיין!... שאאן וואדוז!... אבער ביז ער פערענדיגט דעם דאזיגען פסוק, איז שוין דער צוג עטליכע קילאמעטער ווייט פון ליכטענשטיין...

די דאזיגע מדינה איז אזוי צו זאגען א זעלבסטשטענדיגער שטאט, מיט אנ'אייגענער קאנסטיטוציע, מיט א פארלאמענט, וועלכער צעהלט 15 מיטגלידער, און א רעגירונג מיט א רייכסקאנצלער אן דער שפיץ. און איבער זיי אלע הערשען מיט א פעסטער האנד פירשט פראנץ מיט זיין פרוי פירשטין עליזאבעט.

אויף א שפיציגען בארג שטעהט דאס שטאט-שלאס פון די פירשטען ליכטענשטיין, וועלכע רעגירען דא שוין אריבער 200 יאהר. דער היינטיגער פירשט לעבט צום גרעסטען טייל אין ווין, און דער שלאס, וועלכער ווערט בעזוכט פון די

(ענדע זייט 4)

לאָדז
דאָנערשטאָג י"א שבט תרצ"א פ' בשלח
29 יאַנואַר 1931
זון אויפגאַנג: 7.25
זון אונטערגאַנג: 4.13

א פּיקאַנטער ראָמאַנטישער פּלאָנטער

א נישט־געשמאַקע פּאַסירונג אין בוסק צווישען א גרויסען יודישען סוחר פון לאָדז און א יודיש ווייבעל פון ווילנא

(—) אין בית־דין־שמש פון הרב סעגאַל האָט זיך אָפּגעשפּילט א טראַגי־קאָמישע געשיכטע.

פאַר'ן רב סעגאַל איז געשטאַנען א פרוי לערך 32—35 יאָהר און א מאַנסביל פון עטליכע און 40 יאָהר. זי שטאַמט פון ווילנאָ, ער איז א לאָדזשער, א מאַנופאַקטור־סוחר. ביידע זענען זיך פרעמדע מענשען. ער האָט א ווייב מיט 2 דערוואַקסענע קינדער אין לאָדז; זי האָט א מאַן מיט 2 קליינע קינדער אין ווילנאָ. מאַטעריעל זענען ביידע נישט צום ערגסטען איינגעשטעלט.

אָט צווישען די ביידע מענשען זאָל עפּעס זיין פאָרגעקומען. די פרוי לייגט אַוועק איהר טענה: אין אויגוסט פ. י. איז זי געווען אויף קוראַציע אין בוסק. זי איז איינגעשטאַנען אין דער ווילע „אַנגעלסקאַ", און גענומען בעדער, ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסען. און א פּאָר טעג אַרום איז געקומען אין דער זעלבער ווילע דער לאָדזשער סוחר, פאַרנומען א שכנות'דיגען צימער און — צווישען דעם לאָדזשער און דער ווילנערין האָט זיך אָנגעקניפּט א „פריינדשאַפט", ווי די פרוי האָט זיך אויסגעדריקט. די פריינדשאַפט זאָל דעם לאָדזשער סוחר דאַכטען אַזוי געגלוסט, אַז ער האָט איהר ערקלערט, דאָס זי געפעלט איהם; מיט זיין ווייב אין לאָדז האָט ער נישט קיין שלום־בית, דערזעלבער וואָלט פון זיי ביידע געווען א רעכטער זיווג. די פרוי האָט דערפון „נישט געהאַלטען", ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין א קורצער צייט מאַכען זיך אָפט אַזעלכע סעזאָן־מענער, אָדער סעזאָן־ווייבער. אָבער דערמיט האָט זיך דער ראָמאַן נישט געענדיגט. יום־כפור צו נעילה — דערצעהלט די ווילנער דאַמע — איז דער לאָדזשער סוחר געקומען צו איהר און געגעבן א תקיעת־כּף, אַז אַבער א יאָהר וועלען ביידע דאָ, אין בוסק, שוין קומען אַלס מאַן און ווייב. די אַרומיגע פּענסיאָנערן האָבען די פרוי שוין בעטראַכט אַלס דעם לאָדזשער סוחר'ס ווייב און זי האָט אָבער נישט געקענט „אַרויס פון דער לאַגע". אגב האָט ער, דער לאָדזשער, זי געזאָגט איבער'רעדן. אַז ער וועט אַהיימקומען קיין לאָדז וועט ער באַנקראָטירען, צוזאַמענשטעלען א גרויסע סומע געלד און איהר געבען פאַר'ן מאַן אַזא אַפּוטיקא, אַז יענער זאָל זי וועלען אָפּגט'ן. מיט זיין ווייב וועט ער שוין ווי־עס איז דורכקומען: ער וועט איהר אויך געבען געלד.

דער מאַן פון דעם ווילנער ווייבעל איז ערשט געקומען קיין לאָדז אָנ'אָפּגעבריהטער, באשר ער האָט „פאַרכאַפּט" א געהיימען בריף, וואָס זיין פּלונית האָט געשריבען צום לאָדזשער סוחר „וועגען ליבעס־ענינים". ער האָט דערום הגדול'ן רב סעגאַל גערופען זיין לאָדזשער „קאָנקורענט" און בית־דין־שמש, דאָ מיט איהם געשמועסט בנעימות, וואָס ס'האָט פּאַסירט צווישען „איהם און זיין פרוי", דאַן איז דער שמועס געוואָרען היציגער און מענשען אין דער ראַבינאַט־שטוב האָבען געמוזט בערוהיגען די צדדים. דאַן האָט דער ווילנער מאַן געשטעלט דעם לאָדזשער „קאָנקורענט" בנוגע זיין ווייב 8 פראַגען, מיטל דראַסטישע. דער לאָדזשער האָט געשוואוירען און אָנגעזאָגט פאַר רב און צוויי דיינים, אַז ער איז נאָט די נשמה שולדיג, אַז די אַלע „פונקטען" זענען אויסען אויף איהם, דעם לאָדזשער אָנגעזעהענעם סוחר, מוציא־שם־רע צו זיין. ער האָט געשוואוירען, אַז מיט דער ווילנער פרוי האָט ער נישט געהאַט קיין נאָהענטע מחזקות, אַז ער האָט נאָט געקושט, אַז ער האָט איהר נישט צוגעזאָגט א מטמון געלד אָפּצוגט'ן דעם מאַן און ער האָט איהר אויך נישט צוגעזאָגט צו „באַנקראָטירען". באַנקראָטירט — האָט ערקלערט דער אָנגעגריפענער לאָדזשער סוחר — האָב איך נאָך א סך פריהער, אין מאַי האָב איך געמוזט אָפּשטעלען די צאָהלונגען צוליב'ן קריזיס. בעת די אויסגעטראַכטע, אונטערגעוואָרפענע ליבע מיינע צו דער פרוי, מיט וועלכער איך האָב גערעדט קוים א פּאָר ווערטער, איז געווען אין חודש אָקטאָבער. קיין ליבעס־קאָרעספּאָנדענץ האָט ער מיט דער פרוי נישט געפירט. איינס איז איהם, דעם לאָדזשער סוחר, יאָ קלאָר געוואָרען: דאָס ווילנער ווייבעל, וועלכע האָט בלומרשט געוואָלט פאַרן איהר מאַן און קינדער פאַר א מטמון געלד, האָט געזוכט מיטלען ביי איהם, דעם לאָדזשער, צו באָרגען געלד, צו בעטען זיין סוחר'ישע הילף בעם דורכפירען אין לאָדז מסחרים, פון וואָס ער, האָט זיך כסדר אַרויסגעדרעהט, וואָרום ער האָט געזעהן, אַז עס שמעקט מיט א נישט־בע'טעמ'טען ביסען.

הערענדיג דאָס, איז דער ווילנער שוין אַהיימגעפאָרען א בערוהיגטער און מסתמא אויסגעלאָזט צום ווייב זיין בימער האַרץ, הלמאי זי האָט איהם בעשלעפּט אין אַזא אומטריגע געגען א מענש, וואָס איז נאָט די נשמה שולדיג.

ווילענדיג אַרויסווייזען דעם „אמת'ען אמת", האָט דאָס ווילנער ווייבעל בעשלאָסען אויסשטעלען דעם לאָדזשער „אַמאַנט" די אויגען און אָפּווייזען איהם, אַז ער האָט פאַלש געשוואוירען. ער האָט יאָ געגעבען תקיעת כף, ער האָט יאָ צוגעזאָגט צו גט'ן זיין ווייב און אַזוי ווייטער.

דער לאָדזשער סוחר איז ווידער גערופען געוואָרען צו הרב סעגאַל, די פרוי האָט איהם דערמאָנט „וואַזשנע קליינינקייטען", אויף וועלכע דער בלומרשט פאַרליבטער האָט ווידער געגעבען ענטפער'ס. דער רב האָט הערויף צוזאַמענגעשטעלט א בעשטעטיגונג, בכן דער לאָדזשער סוחר טש. האָט „נישט געפירט קיין ליבעס־קאָרעספּאָנדענץ מיט דער ווילנער פרוי צ. און אַז ער האָט געשוואוירען מיט איהר קיינמאָל נישט התנגה־צוהאָבען, אויב זי וועט זיך אפילו פונאַנדערגעהן מיט איהר איצטיגען מאַן".

ווי מיר דערען זוכען נאָך ביידע צדדים זיך אָפּצוגרעבענען אויפ'ן געריכטליכען וועג. ה' טש. פון לאָדז רעדט וועגען א שאַנטאַזש און די ווילנערין רעדט קאָמפּראָמיטאַציע.

אויף לאָדזשער טעמעס.

ווען צווי קריגען זיך...

„מאַסען־רעוויזיעס" ביי די לאָדזשער יודישער בעקער'ס. אין איין נאַכט האָט די פּאָליציי געמאַכט 1500 פּראָטאָקאָלען. מ'פאַרווערט שבת צו נאַכט צו באַקען א. א. וו." (זעה נייעס „לאָדזשער טאָגעבלאַט").

מיר ווילען דאָ נישט אַריינדרינגען אין די פאָלגען פון די דאָזיגע רעוויזיעס. עס איז א קלאָהרע זאַך, אַז דערפון וועלען אין דער ערשטער ריי ליידען די בעקער־מייסטער און געזעלען, פון דער אַנדערער זייט — די בעפעלקערונג.

אלס ביישפּיל וועלען מיר נעהמען די קומענדיגע וואָך: קומענדיגען מאָנטאָג איז חנה. וועט אויסקומען, אַז די יודישע בעקערייען וועלען פון פרייטאָג פאַרטאָג זיין געשלאָסען ביז מאָנטאָג ביינאַכט אויף דינסטאָג. שבת צונאַכט טאָר מען נישט באַקען, זונטאָג איז ערב חנה. טאָר מען ווידער נישט באַקען, אַזוי אַנאַך, וועט די בעפעלקערונג פון שבת אָן נישט האָבען קיין פרישׁ געבעקס, ביז דינסטאָג פריה.

דאָס איז פאַר אַלעמען קלאָר. מיר ווילען נאָר פעסטשטעלען איין זאַך: פאַרוואָס האָבען ביז איצט די בעקערייען געבאַקען שבת ביי נאַכט אויף זונטאָג, און פאַרוואָס גראָד איצט מאַסען־רעוויזיעס? ווער האָט גורם געווען צו די שטרענגע קאָנטראָלעס אין די יודישע בעקערייען?

קיין תירוץ דערויף וועט מען לאַנג נישט דאַרפען זוכען: די לעצטע עטליכע טעג געהט אין דער פּרעסע אַן עפּעטליכע קאַמף און „מויז־שפּיל" צווישען יודישען בעקער־צעך מיט א געוויסען סטאַרשע. דער לעצטער שרייט: „אני שלמה" — איך בין דער צעך, און די פאַרוואַלטונג פון צעך דעקט אויף סודות פון הינטער די קוליסען.

אונז, פאַרשטעהט זיך, אינטערעסירט דאָ נישט, ווער עס איז דער גערעכטער און ווער דער בע'עול'טער. מיר שטרייכען נאָר אונטער איינס:

ווען צווי קריגען זיך, געווינט דער דריטער — אָך און ווער צו אַזעלכע „געווינסען!..."

-זשאָן-

—=0§0=—

חושך מצרים
אין באַיני

א דעלעגאַציע פון די באַיינער איינוואוינער האָט זיך געווענדעט אין דער לאָדזער עלעקטראָווניע מיט דער ביטע וואָס גיכער אין זייער קאַנט צו אינסטאַלירען עלעקטרישע לאָמפּען אויף די גאַסען, ווייל דאָרט הערשט דער אמת'ער חושך מצרים.

ביליגער אין רעסטאָראַנען

(§) די לאָדזער רעסטאָראַן־בעזיצער וועלען די טעג אָפּהאַלטען א זיצונג וועגען רעדוצירען די פרייזען פון שפּייזען אין די רעסטאָראַנען אויף 30 פּראָצענט.

א בראַנפען־ברייזעל
ענטדעקט אין לאָדז

אויף זשגאָווסקאַ 2 איז אין דער וואוינונג פון א געוויסען ראָמאַן סמוגאַ ענטדעקט געוואָרען א פאַבריקל פון שפּריט.

די איינריכטונג און דער אויסגעפּער־טיגטער שפּריט איז קאָנפיסקירט געוואָ־רען

לאָדזער יוד. קאַמער־טעאַטער — נייער
„אַררט"
הייסער זאַל „מאַנטיפּעל"
זאַכאָדניאַ 43
קינסטלערישער לייטער: מ. בראָדערזאָן.
לייטער: א. בעזמאַן.

היינט דאָנערשטאָג 1 פאָרשטעלונג
אָנהויב 9.15 אָוונט
פון 4־טען פּראָגראַם א. ו.
סרעדל דרייט זיך
אין 2 טיילען, 12 נייע שלאַגערס.
1) פּראָלאָג, 2) טויטע חסידים, 3) קיבער, 4) אין זאַקאָפּאַנע, 5) ארבייטסלאָזע, 6) פּאַר חופּה וקדושין, 7) בעלי־עגלות, 8) אויף א שטיקעל ראַדיאָ, 9) דער של סעל, 10) אויפן באַל, 11) מאַנטאָפּיאַרע ביי ניקאָלאַי'ען דעם ערשטען, 12) אַראַבעטקאַ, 13) צ'אַץ־די־קי מ'אַט־זי־קי.

אַנסאַמבל לויט'ן א.ב. פּרויען: זיסעל־גירל, מ. דאַלסקאַ, לאָלאַ זילבערמאַן, שיינע־מרים, מאַשע פּעטערמאַן, מענער: שמואל גאָלדשטיין ש. דזשיגאַן, מאָטעל קאָן, יעקב ריינגלאַס, ישראל שומאַכער און יוסף שיפּער.
טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, דער טונקעלער און אווערטשענקאָ. מוזיק: ה. רובין און א. ביינעלמאַן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: י. בראָינער, טענץ און פּלאַסטיק ג. קרושובנאַ און מ. אלפּערן, רעזשי: ש. דזשיגאַן, י. שומאַכער, מוזיק־לייטער — הערץ רובין, ליכט־עפעקטען — יעראָז. בינע־אינספּעקטאָר מ. קאָן.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פון 11 פריה ביז 2 בייטאָג און פון 5 אַזייגער אָוו. שבת א גאַנצען טאָג.

50 יובּילעאום־קאָמיטעט לכבוד שלום אש אין לאָדז 50
זאַל „פילהאַרמאָניע" נאַרוטאָוויטשאַ 20
זונטאָג, דעם 8־טען פעברואַר 1931 8.30 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר
— א גראַנדיעזע —
יובּילעאום־פייערונג
לכבוד דעם גרויסען און בעליבטען דיכטער
שלום אש
50 מיט דער בעטייליגונג פון דעם חשוב'ן יובּילאַר 50
בילעטען שוין צו בעקומען אין „פילהאַרמאָניע".

טאָג־כראָניק

פאַרייניגונג פון האָלץ־סוחרים

ביי דער איניציאַטיווע פון סוחרים־פאַראיין אין לאָדז פּיעטריקאָווער 73 איז געשאַפען געוואָרען א סעקציע פון האָלץ־סוחרים. די דאָזיגע סעקציע נעמט אַרום עטליכע צענדליג גרעסטע פירמעס פון דער האָלץ־בראַנשע אין לאָדז. די הויפּט אויפגאַבע פון דער סעקציע איז צו סאַנירען די קרעדיט־ און פאַרקויפט־בעדינגונגען אויפ'ן לאָדזער האָלץ־מאַרק.

נאַכט־דיזשורנע אין די אַפּטייקען

היינט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: א. דאַנצער זגיערזשער 57; וו. גראָשקאָווסקי 11 ליסטאָפּאַד 15, גאַרפּיין פּילסודסקי גאַס 54, באַרטאָשעווסקי פּיעטריקאָווער 164 רעמביעלינסקי אַנדזשעיאַ 26 שימאַנסקי פשעדזאַלניאַנאַ 75.

פון העברעאישען פאָלקס־אוניווערזיטעט

היינט 8 אָוו. קומט פאָר אין פאָלקס־אוניווערזיטעט ביים „מרכז עברי" א פאָרלעזונג פון ה' א. געלבלום א.ד.ט. „די נייעסטע יודישע קונסט".

רעגיסטראַציע פון קרעדיט,
וואָס ווערט געגעבען פּראָווינצער

די פאַראייניגטע מאַנופאַקטור־הורטאָווניקעס אין לאָדז, וועלכע זענען אָנגעשלאָסען אין סוחרים־פאַראיין פּעטריקאָווער 73, האָבען אונטערגענומען שריט א סוף צומאַכען מיט'ן כאַאָס, וואָס הערשט אויפ'ן לאָדזער טעקסטיל־מאַרק.

די פאַראייניגונג פון די הורט־סוחרים מיט דער האַנדעלס־סעקציע ביים לאַנדפאַרבאַנד פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאָדז טוישען זיך אויס געגענזייטיג מיט די „שוואַרצע ליסטע" פון די ניט געוויסענהאַפטע סחורה־אָפּנעהמער.

א צווייטער עטאַפּ פון דער הורטאָווניקעס פאַראייניגונג איז דאָס רעגיסטרירען די קרעדיטאָרען, וואָס די לאָדזער מאַנופאַקטור־סוחרים און אינדוסטריעלער געבען די פּראָווינץ־סוחרים. אַזוי אַרום ווערט פאַרשטאַרקט די קאָנטראָל איבער יעדענס קרעדיט.

שטרייק פון די מאַגיסטראַט־אַנגעשטעלטע
פּראָקלאַמירט אויפ'ן קומענדיגען מאָנטאָג

צוליב דעם, וואָס דער לאָדזער מאַגיסטראַט האָט ביז נעכטען נישט נאָכגעגעבען די פאָדערונג פון די שטאָטישע אַנגעשטעלטע, זיי אויסצאָהלען די 13־טע פּענסיע, איז אויף א פאַרזאַמלונג בעשלאָסען געוואָרען א שטרייק פון אַלע שטאָטישע אַנגעשטעלטע. דער שטרייק זאָל אויסברעכען דעם קומענדיגען מאָנטאָג.

א לעבעדיגער מענש איז גאַנצע 3 יאָהר געווען צוגעקאָוועט אויף א קייט אין א קוה־שטאַל

א סצענע פון דער וועלט־מלחמה, וואָס איז נישט געשילדערט געוואָרען אין רעמאַרק'ס בוך „אויפ'ן מערב־פראָנט קיין נייעס".

אין א דאָרף הינטער קראַקאָ האָט די פּאָליציי ענטדעקט א שוידערליכע טראַגעדיע, וואָס דעקט נאָכאַמאָל אויף פאַר די אויגען פון דער וועלט די גרויזאַמקייטען פון דער וועלט־מלחמה.

א לעבעדיגער מענש איז גאַנצע דריי יאָהר געווען צוגעקאָוועט מיט אַן אייזערנער קייט צו דער קאָרימע פון א קוה־שטאַל.

ווען די פּאָליציי איז אַריין אין שטאַל האָט ער אַרויסגעלאָזט א געשריי, וואָס איז געווען מעהר ענהליך צום ריק פון א קוה, ווי צו א מענשליך קול. די האָר און די נעגעל אויף די פּנים און די הענד זענען ביי איהם געווען ווילד פאַרוואַקסען, און דאָס אויסגעהאַרטע, מיט קנוימשען צומורשטעמטע פּנים, צווישען די ווילד־בעוואַקסענע האָר האָט גובער געמאַכט דעם אייגדרוק פון עפּעס א שרעקליכען אומגליקליכען פאַרזעהעניש, ווי פון א מענשליכע צורה, און דאָך איז דאָס דאָזיגע אומגליקליכע בעשעפעניש געווען אַמאָל א מענש מיט מענשען גלייך, געהאַט זיינע מענשליכע ליידען און פריידען, געאַרבייט און געקוקט אין דער יוגענד מיט העל־ראָזע ברילען אויף דער צוקונפט. געהייסען האָט ער דעמאָלט ווינצענטי סולקא, א פויערישער זוהן פון א דאָרף הינטער קראַקאָ. ער איז געווען דער פרעהליכסטער „קאַוואַליער" פון דאָרף, שיקסעס האָבען נאָך איהם געכל'יש'ט, און די מאַמע, די פויערטע האָט פון איהם נחת געקליבען.

איז אָבער אָנגעקומען די וועלט־מלחמה און די יוגענד איז מאָביליזירט געוואָרען. סולקא איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין עסטרייכישען מיליטער און א געוויסע צייט געקעמפט אויפ'ן רוסישען פראָנט. ער האָט מיטגעמאַכט פיל שלאַכטען און ביים רוסישען זיג ביי פּשעמישל איז ער גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. עס האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבען א לעבען פון א געפאַנגענעם זעלנער אין'ם קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער פון'ם שונא. נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען, איינגעמוינקט ביז'ן קאָפּ אין אונראַיינקייט, האָט דער יונגער עסטרייכישער זעלנער סולקא בעשלאָסען זאָל זיין, וואָס עס וויל און ער מוז ענטלויפען פונ'ם לאַגער. ער האָט זיין בעשלוס אויסגעפיהרט און נאָך לאַנגע וואַגלענישען איז ער צוריקגעקומען קיין קראַקאָ. דאָ איז ער ווידער מאָביליזירט געוואָרען און מ'האָט איהם געשיקט אויפ'ן איטאַליענישען פראָנט. די מלחמה איז דאַן געווען און רעכטען ברען. קיינער האָט נישט געוואוסט, ווען און מיט וואָס זי וועט זיך ענדיגען. די רעפּעשען האָבען יעדען טאָג געמאָלדען וועגען מוראַ'דיגע שלאַכטען מיט פיל צענדליגער טויזענדער קרבנות. אומגליקליכע מחנות האָבען איינע געגען די צווייטע גע־קעמפט מיט גיפטיגע גאַזען און צווישען די זעלנער איז די אַקאָפּעס זענען אַנ־גע־ניגען מוראַ'דיגע, געהיימניספולע לעגענדעס וועגען דעם שוידערליכען נייעם וואָפען געוויינט זיך פון צייט צו צייט אויף דער ערד יעגעם טייל פרונט. בלויז פאַר'ן וואָרט „גאַז" איז בעפאַלען א שרעק אויף די זעלנער און מיט אַנגסט האָט מען געקוקט צו דער זייט פון'ם שונא, צו עס זעהט זיך נישט אַמאָל דער געהיימניספולער רויך.

אין דער דאָזיגער גיפטיגער רויך האָט ענדליך אויך אָפּגעשטאָט א ווינקעל אינ'ם טקאָפּ וואו עס איז געלעגען דער יונגער קראַקאָווער סולקא. וואָס מיט איהם איז דאַן געוואָרען ווייסט ער נישט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געקומען צום בעוואוסטזיין, האָט ער געזעהן, אַז ער געפינט זיך אין א שפּיטאַל פון'ם שונא. דאָס איז געווען אין ווענעציאַ. דאָרט האָט מען איהם אויסגעהיילט, געהאַלטען און געפאַנגען לאַנגער, און אַז עס האָט זיך געענדיגט די וועלט־מלחמה איז ער צוריק אהיימגעקומען אין'ם דאָרף אַריין הינטער קראַקאָ, וואו די מוטער מיט'ן יונגען ברודער האָבען איהם אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. סולקא איז געווען זיך ציריק געקומען צו דער ווירטשאַפט אינ'ם הויז. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דער לעבענסלוסטיגער סולקא פון אַמאָל פון דער אַמאָליגער זאָרגלאָזער לעבענס־לוסטיגער פרעהליכקייט איז שוין קיין שפּור נישט געווען. אין זיינע אויגען האָט זיך צייטענווייז אַנ'אומהיימליך פייער, וואָס האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפען א שוידער. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצווייזען סמנים פון משוגעת. ער האָט זיך פּלוצלונג געקענט א ריס טאָן פון אָרט, און אַרומלויפענדיג איבער דער שטוב אָנגעהויבען צו שרייען ראַטעוועט „גאַז!"

„גאַז!"

מען האָט איהם געפיהרט צו בערישיידענע פּסיכיאַטאָרען. מען האָט איהם בעטראַכט און מיט א רחמנות'דיג־פּנים געענטפערט: — א קרבן פון דער מלחמה!

איינמאָל אין א שעהנעם העלען טאָג איז ער ווילד געוואָרען, און שרייענדיג גאַז! גאַז! האָט ער געכאַפּט אַן אייזערנעם דראָנג און אָנגעהויבען מיט איהם צו שלאָגען דער אַלטער מוטער. אין פון דעמאָלט אָן איז ער ווילד געוואָרען, און עס איז איהם געווען געפעהרליך צו האַלטען אין שטוב.

די מוטער האָט איהם געוואָלט אָפּגעבען אין א משוגעים־שפּיטאָל, אָבער עס איז פאַר איהם דאָרט נישט געווען קיין אָרט. דערווייל איז ער געוואָרען אַלץ ווילדער, און עס איז געווען לעבענס־געפעהרליך איהם ווייטער צו האַלטען אין שטוב. באַין בריה האָט איהם די מוטער און דער יונגערער ברודער צוגעקאָוועט צו דער קאָרימע אין פערד־שטאַל, און אַזוי אַרום איהם געמאַכט אומשעדליך.

אַזוי האָט דער אומגליקליכער מענש פאַרבראַכט גאַנצע 3 יאָהר, און איצט, ווען דאָס גאַנצע שוידערליכע טראַגעדיע איז ענטדעקט געוואָרען, איז שוין פון סולקא'ן איבערגעבליבען א שאָטען פון א מענש.

אָט דאָס דאָזיגע שרעקליכע מלחמה־בילד האָט מען איצט געזעהן נישט אין רעמאַרק'ס פילם אויפ'ן עקראַן, נאָר אין א פשוט'ען פוילישען דאָרף הינטער קראָקע.

א בעזוך אין דער לעצטער דייטשער מאָנאַרכיסטישער מדינה

(ענדע פון זייט 3)

הונדערטער מוזיקער, טראָגט איהם אַרײַן געגעג, פון איינטריטס־געלדער, ער זאָל האָבען צו צאָלען דירה־געלד און ווען.

די רעגירונגס־געבייע פעשטעהט פון 3 טיילען: די רעגירונג, דער פּאַרלאַמענט און דער קעלער, אין וועלכען עס געפינט זיך דאָס שטאַטס־געפעננגניש, וואָס מאַן איז על פי רוב ליידיג.

די דויפּט־הכנסה פון דער מלוכה איז נישט פון די שטייערן, וועלכע זענען דאָ רעדוצירט ביז א מינימום, נאָר פון פּאָסט־מאַרקען. דאָס איז נישט קיין ווין. דער ליכטענשטיינישער שטאַט לאָזט יעדע פּאָר חדשים אַרויס א נייע סעריע פּאָסט־מאַרקען, וועלכע ווערט באַלד צוכאַפּט פון די צעהנדליגער טויזענדער בריפמאַרקען־זאַמלער איבער דער גאַנצער וועלט.

די גאַנצע מדינה צעהלט ביז א צעהן טויזענד נפשות, פון וועלכע עס לעבען 1700 אין דער הויפּטשטאָט וואַדוז. די בעפעלקערונג טיילט זיך אין פאָלגענד: פויערען און ווינ־בויער 60 פּראָצ. הויז־אינדוסטריע און קליינע לאַנדווירטשאַפט 30 פּראָצ., בעאַמטע און קליינע סוחרים 6 פּראָצ. און די איבריגע 4 פּראָצ. זע־נען פאַבריקאַנטען און גרעסערע סוחרים.

איך האָב עטליכע שעה אַרומשפּאַ־צירט איבער דער מדינה, האָפענדיג אָנ־צוטרעפען א יודען, אָבער אומזיסט. שפּעטער בין איך אַריינגעגאַנגען צום בירגערמייסטער פון דער הויפּט־שטאָט, וועלכער האָט מיר, אגב, אויך נישט געוואוסט א סך צו זאָגען, אָבער דאָך האָט ער מיר געגעבען אויסקונפט. ער גלויבט, אַז עס געפינען זיך דאָ עטליכע משפּחות אַנדערש־גלויביגע... אָט האָסטו זייערע אַדרעסען.

איך האָב איהם האַרציג געדאַנקט און האָב אויפגעזוכט איינעם פון די „אַנ־דערש־גלויביגע" איז אָט וואָס ער האָט מיר דערצעהלט: יודען־ליכטענשטיינער זענען דאָ נישט בנמצא. יאָר, עס וואוינען דאָ טאַקע 5 יודישע משפּחות פון דייטשלאַנד. דאָס זענען עלטערע סוחרים, וועלכע האָבען זיך צוריקגעצויגען פון געשעפט און האָבען אויסגע־וועהלט דאָס דאָזיגע ווינקעלע פאַר א רו־היגען צוריקגעצויגענעם לעבען. שטאָט שטאָלין אויך זייער יודישקייט זענען די דאָזיגע עטליכע אונזער אָלומען נישט אין דער דאָזיגער הער, וואָס האָט מיר גע־געבען מיט א האַלבען מויל די אויס־קונפט, האָט זיך טאַקע געוואוירען פון וואַנען איך האָב ערפאַהרען, אַז איז מאחנו בני ישראל...

נישט וועניג בעוואונדערט בין איך דאַן געווען, ווען מיט מיר צוזאַמען איז איינגעשטיגען אין שווייצאַרישען צוג א יוד מיט א באָרד און פּאות. עפּיס א היימישער יוד. איך האָב דעם דאָזיגען יוד טאַקע באַלד אָפּגעשטעלט שלום עליכם און אַזוי געגומען אין רעד אַרייננס אַרײַן...

— מיט וואָס האַנדעלט א יוד — איך פון דער ווייט א פרעג געטאָן.

— איך בין א שוחט...

— א שוחט? — וואונדער איך זיך — וואָס האָט א שוחט צו טאָן אין ליכטענשטיין?

דער יוד האָט מיר אָבער באַלד דערקלערט דעם סוד. ווי בעוואוסט איז די יודישע שחיטה אין דער שווייץ פאַרבאָטען. געבען זיך יודען אַן עצה און שיקט אַריבער דעם שוחט קיין ליכטענשטיין, וואָס ליגט אינגאַנצען 5 מינוט פון דער ערשטער שווייצער־שטאָט, פון דאָ ברענגט מען אַריבער דאָס בשר כלוויש קיין שווייצאַריען.

האָט, הייסט עס, ר' מנחם גוטמאַן אַנ'אווינקעל דאָך א גרויסען זכות, שפּענדיג די שטאַרק־רעליגיעזע שווייצער יודען מיט בשר כשר... (יטא)

—=0§0=—

באנדיטען בעפאלען א יודישען אינקאסענט אויף דווארסקא גאס

א שווער פערוואונדעטער לאזט דער אינקאסענט נישט צונעמען ביי זיך די טעקע מיט 5470 זל

(§) נעכטען איז פארגעקומען אויף דווארסקא גאס אויסגעפיהרט געווארען א באנדיטען אנפאל אויף א יודישען אינקאסענט. וואס האט א דאנק זיין ארענטשאציע די באנדיטען זיך נישט איינגעגעבען. דער אינקאסענט הייסט משה שווארצמאן פון קילינסקי גאס 19. ער ארבעט ביי איינער א פירמע אויף פאלודניאווא גאס 20. בעת ער איז געווען נעכטען אינקאסירען געלד און שטאט אויף דווארסקא גאס 6, זענען פלוצלונג אויף איהם אנגעפאלען 2 אומבעקאנטע און זיי מיטגעגעבען א מענטשען זאך איבער'ן קאפ האבען זיי איהם געוואלט בערויבען. שווארצמאן איז פון קלאפ אומגעפאלען בעגיסענדיג זיך מיט בלוט, אבער ער איז געפאלען אויפ'ן בויך אויף דער טעקע, און וועלבער עס האט זיך געפונען א סומע פון 5470 זל.

די באנדיטען האבען ביי איהם די טעקע געפרובט ארויסרייסען, אבער שווארצמאן האט נישט קוקענדיג אויף דער שווערער וואונד זיך געהאנגעלט מיט אלע כחות מאכענדיג דערביי גרויסע געוואלדען.

די הילפס-רופען האט דערהערט א פערביגעהענדיגער פאליציי פאטרול, וואס האט געאיילט צו הילף. זעהענדיג, אז עס איז שלעכט זענען די באנדיטען אנטלאפען. פאליציי האט אונטערגענומען א אבלאווע זיי צו כאפען.

דעם פערוואונדעטען העלדישען אינקאסענט, האט פאגאטאווע ערטיילט הילף.

ד"ר זיגמונד מאקאוו

נעכטען איז געשטארבען דער אין לאדז פאפולערער ד"ר זיגמונד מאקאוו.

דער פערשטארבענער איז אין משך פון 10 יאהר געווען פרעזעס פון פעראיין „עזרת אלמים" און האט ארויסגעוויזען א גרויסע פעראינטערעסירונג דעם גורל פון די טויב-שטומע.

דער טויט פון ד"ר מאקאוו האט צווישען זיינע נאהענטע און פריינד ארויסגערופען א טרויער.

ת.נ.צ.ב.ה.

„משמרת החולים"

אין פערגאנגענעם בעריכטס-יאהר האט מען דאס אמבולאטאריום ביים פעראיין פערגרעסערט מיט נאך 1 צימער אזוי, אז ביים היינטיגען טאג בעשטעהט עס פון א ווארטע-זאל מיט 2 דאקטוירים-קאבינעטען, איינגעארדענט לויט דער נייעסטער טעכניק. דער גאנצער לאקאל איז איבערגעארבייט און גרינדליך רעמאנטירט געווארען. עס איז איינגעקויפט געווארען מעבעל און כירורגישע כלים פאר די דאקטוירים קאבינעטען. עס איז געקויפט געווארען א קווארץ-לאמפ, כדי צו ערטיילען מעדיצינישע הילף ארימע קראנקע דאס דאקטוירים-פערזאנאל איז פערגרעסערט מיט נאך 2 דאקטוירים-ספעציאליסטען. איצט ארבייטען ביים פעראיין 6 דאקטוירים-ספעציאליסטען און 1 קוואליפיצירטע פיעלעגניארקע.

אין משך פון יאהר האט מען ערטיילט הילף: אין אמבולאטאריום: פאר געלד 3970 אהן געלד 644 קראנקע א היים צו קראנקע פאר געלד 2413 קראנקע אהן געלד 255 קראנקע. איינשפריצונגען, באנקעס, מאסאזש א. ז. וו. פאר געלד 1732 קראנקע. מעדיצינען פאר געלד 5831 קראנקע אהן געלד 178 קראנקע משמורים ביינאכט צו 177 קראנקע מילך 819 ליטער כירורגישע כלים ארויסגעבארגט אהן געלד צו 1820 קראנקע.

פאר נישט פערמעגליכע האט די פערוואלטונג פאלגענדען אפצאהל: פאר'ן ערטיילען הילף אין אמבולאטאריום 1 זל. פארן ערטיילען הילף אין די שטאט 3 זל. פאר מעדיצינען אהיים 1 זל. מיט 50 גראשען.

צוגאב-בודזשעט אויף קנאפע 5 מיליאן זל.

בעשטעטיגט אויף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאט-ראט

(—) נעכטען איז פארגעקומען א ספעציעלע זיצונג פון לאדזער שטאט-ראט. די זיצונג האט געדארפט בעהאנדלען דעם צוגאב-בודזשעט פאר'ן יאהר 1930/31 פון דער לאדזער זעלבסטפערוואלטונג, נאך אבער עס געהט ארויף אויפ'ן פלענום די פראגע פון נייעם בודזשעט פאר 1931/32.

דעם צוגאב-בודזשעט רעפערירט ראטמאן אדוו. הנ"ר טמאו, וועלכער ווייזט אן, אז צוליב'ן עקאנאמישען קריזיס האבען זיך א סך פאזיציעס, וואס זענען געווען פרעלימינירט אין די אינקונפטען פון בודזשעט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר, נישט געלאזט רעאליזירען. עס האבען אויך געמוזט בעדייטענד פערגרעסערט ווערען די עפענטליכע ארבייטען, כדי צו בעשעפטיגען ארבייטסלאזע. בלויז א'ף ברוקירען די גאסען האט די שטאט אויסגעגעבען א פערטעל מיליאן זל. די אינקונפטען פון די פערלעגענע שטייערן זענען קיין אינקונפטען נישט געווען — צוליב'ן קריזיס. פון די דרינגענדע אויסגאבען און קלענערע אינוועסטיציעס האט דער מאגיסטראט זיך נישט געקענט אפזאגען און ממילא געמוזט מאכען פון די לויפענדע הכנסות אנגעפאראויסגעזעהענע אויסגאבען אויף 4 מיליאן 669,000 זל.

די פינאנץ- און בודזשעט קאמיסיע האט בעשלאסען אויף דער דאזיגער סומע צו בעשטימען דעם צוגאב-בודזשעט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר.

אין דער דיסקוסיע האט בלויז דער נ.פ.ר.'אוויעץ פיפער זיך ארויסגעזאגט נעגען אקצעפטירען דעם בעשלוס.

מיט א מעהרהייט שטימען ווערט דער צוגאב-בודזשעט און דער דערמאנטער סומע בעשטעטיגט און אלע דריי לעזונגען.

מען מוז פערלייכטערן איינמעלדען ראדיא-אינסטאלאציעס

(§) ווי בעקאנט, דארף מען אנמעלדען די ראדיא-אינסטאלאציעס אין פאסט אמט און יעדען חודש דארף מען צאהלען 3 זל. אפצאהל.

די פארמאליטעטען פון אנמעלדען די אפאראטען און איינצאהלען די חודש-אפצאהלונגען זענען אבער פערבינדען מיט צופיל שוועריגקייטען, ווייל אויפ'ן הויפט-פאסט-אמט זענען צו די צוועקען בעשטימט נאר 2 פענסטערלעך, פאר וועלכע עס שטעהען שטענדיג גרויסע „רייהען".

א גרופע לאדזער ראדיא-אבאנענטען האט זיך דערום געווענדעט מיט א מעמאריאל צום פאסט-מיניסטער צו בעזייטיגען אט די שוועריגקייטען.

לאדזער שול-יוגענד אין די נעגעל פון האזארד און שאנטאזש

ענטרעקט א געפעהרליכע נעסט פון פערדארבונג אין לאדז

(§) די טעג איז אין לאדז נעמאכט געווארען א סענסאציאנעלע ענטדעקונג פון א האזארד-אפערע, און וועלכער עס זענען פערמישט פיל יוגענדליכע.

אין פארטער פון ציגעל-גאס 39 איז אין פאריגען יאהר געווען אנ'עקספעדיציע פון דוד און ליזער הולדעסיים. צוליב'ן קריזיס, איז די עקספעדיציע ליקווידירט געווארען און א טייל פון דער געוועזענער אונטערנעמונג איז איינגעארדענט געווארען א „ספארט סאלאן" און וועלכען עס איז נעפינעט געווארען דאס פונג-פאנג-שפיל. דאס רוב פון די בעזוכער פון אט דעם „ספארט סאלאן" איז בעשטאנען פון שילער און שילערינס, וועלכע האבען אין דער פרייער צייט פערבראכט ביים פינג-פאנג. און אז ס'זענען שוין געווען יוגענדליכע, דערינגער פיל מעדלעך, האבען זיך בעוויזען אין דעם זעלבען ספארט-סאלאן אויך פערדעכטיגע פערשוינדלעך, וועלכע האבען און דעם פינג-פאנג-שפיל ארייננעבראכט אמת'ן האזארד, און די שול-יוגענד דאס גענומען איינשטעלען נעלד אין קאן. די לעבעדיגע יוגענד איז גיך אריין און ברען פון שפיל, און אין דעם „סאלאן" האבען זיך גענומען אפשפילען שרעקליכע זאכען. ס'שטעלט זיך ארויס, אז נישט בלויז וואס די שולער האבען פערלוירען דעם חשק זיך צו לערנען, נאר זיי האבען נעמען כליהתפעלות, אבי צו קריגען געלד איינצושטעלען. אנגעהויבען האבען זיי ביים פערקויפען פון זייערע לערן-ביכער און אויסגעלאזט האט עס זיך ביים פערשאפען דאס געלד, וואס מ'האט זיי מיטגעגעבען אויף צו בעצאהלען שכר-לימוד. ס'איז געגאנגען נאך ווייטער: ס'איז פערגעקומען געווארען די מחיצה צווישען ארעג מלובען מיטשפילער און אויסוואורפען...

די עלטערן און שול-קוראטאריום דארפען נעמען מאכען בעמיהונגען צו לוק ווענדירען דעם האזארד-לאקאל.



זעלנער פערנארט אין א וואלד 2 מיידלעך און וויל זיי פערגוואלדיגען, דראהענדיג צו שיסען

עפילאג אין געריכטס-זאל

(§) דעם 4. אקטאבער פ. י. איז צו פראנטשישקא מיקאלאיעווסקא אויף שלאנסקא 12 געקומען א זעלנער, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט אלס מיעטשיסלאוו זאשוצקי און ערקלערט, אז איהם האבען געשיקט צו איהר מיט גרוסען איהרע קרובים מקאיעוסקי, הונגער מושען. די פרוי דאס דארט ווירקליך נעהאט קרובים און עס איז איהר געווען ליב אפצונעמען א גרוס פון זיי. זי האט דערום איפגענומען זאשוצקי'ן מיט געהעריגער גאסטפריינדליכקייט און איהם פארגעשטעלט פאר איהר טאכטער יאנינא. ווען זיי זענען געזעסען מיט דעם זעלנער ביי מיטאג-עסען, האט ער ערקלערט, אז זייערע קרובים האבען איהם פערלעגט, ער זאל פערבעטען יאנינא אויף א „זאבאווע", וואס דארף פארקומען און דארף וואלוצא נעבען מושין. יאנינא האט גערן אנגענומען די איינלאדונג צו בעזוכען איהרע קרובים און צו כאפען א טאנץ אויף דער דארפישער פערוואלגונג. דאן איז זאשוצקי נעבליבען נעכטיגען ביי די מיקאלאיעווסקא און שטוב און צומארגעס זענען זאשוצקי מיט יאנינא'ן און איהר חבר'טע גענאוועפא מאנדראגעק געפאהרען מיט'ן אויטאבוס קיין מושין. אויף דער סטאציע פארעמביצע איז זאשוצקי צוזאמען מיט די צוויי „פאנעס" אויסגעשטיגען פון אויטאבוס און האט די מיידלעך געפיהרט און דארף ארטין דורכ'ן וואלד. ווען דער זעלנער איז געווען אין דער וואלד-טיפעניש, האט ער פלוצלינג ארויסגעכאפט א רעוואלווער און א געשרייען געטון צו די מיידלעך: „קיין שריט נישט ווייטער".

די טויט-איבערגעשראקענע מיידלאך איז געפאלען אויף די קניה און געבעטען זאשוצקי'ן, ער זאל זיך דערבארמען איבער איהר און נישט טון קיין בייז. דאן האט ער דאס מיידעל געלאזט וועקענעהן אין א זייט און זיך געווארפען אויף דער פון שרעק פערשטיינערטער יאנינא מיקאלאיעווסקא און זי געוואלט פערגוואלדיגען. דאס טעראריזירטע מיידעל האט אבער דעם אויסוואורף א בים געטון אין האנד אזוי, אז ער האט פערלוירען דאס בעוואוסטזיין. אזוי ארום האט ער ארויסגעלאזט פון זיינע קלאמערן דעם קרבן. מיקאלאיעווסקא איז דאן אהיימגעלאפען און ווענען דעם אלעם דערציילט איהר שוועגער סטעפאן אלשוין און דער מוטער. אין א פאר טעג ארום האט אלשוין געמראפען אין גאס זאשוצקי'ן און איבערגעגעבען איהם אין רשות פון דער פאליציי.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער ווערט געזוכט פאר דעזערציע. פאר די ביידע מעשים-טובים: דעזערציע און וועלען פערגוואלדיגען — איז ער נעכטען פאר'ן משפט געווארען אויף 4 יאהר תפיסה און צו פערלירען אלע רעכט.

נייע ארעסטען צוליב דער צאל-אפערע אין לאדז

פרישע בעווייזען פון פערברעכען

די אויספארשונגס-ארבייט ארום דער ענטדעקטער צאל-אפערע אין לאדז האט ארויסגעוויזען, אז צו די פערדעכטיגע מאכינעציעס האט אויך א שייכות דער לייטער פון די מאגאזינען פון דער צאל-אגענטור טשאפלינקי און דעם צאל-בעאמטען שעראנט. ביידע זענען איינגעזעצט געווארען אין דער תפיסה אויף קאפערניק-גאס.

2-יעהריג מיידעלע

ראטעוועט אפ א גאנצע יוד. פאמיליע פון א זיכערן טויט

אויף פולנאצנא 20 האט פאסירט אנ'אומגליק, וואס האט שיער נישט געקאסט דאס לעבען פון א גאנצער יודישער פאמיליע.

אין דערמאנטען הויז בעזיצט א קאלאביאל-געוועלב א געוויסער מאגנושעווסקי. מאגנושעווסקי וואוינט דארט צוזאמען מיט זיין פרוי בראניא, און 2 קינדער פון 6 און 2 יאהר.

ארום 3 ביינאכט האט דאס 2-יעהריגע קינד מאגנושעווסקי'ס זיך אויפגעוועקט פון שלאף און קראמפהאפט גענומען גראטשען ביים פאטער איבער'ן פנים. מאגנושעווסקי האט זיך אויפגעכאפט מיט א שרעקליכע מישונג אין קאפ און האט דערביי פעסטגעשטעלט, אז די שטוב איז פול מיט טשאד. ער איז דאן צוגעגאנגען צו די געלעגער'ס פון דער פרוי מיט די קינדער, וועלכע ער האט נישט געקענט אויפרייסען פון שלאף. זיי זענען געלעגען בעוואוסטלאזע אויף די בעטען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז מאגנושעווסקי האט דינסטאג אוועקגעשטעלט אין צימער נעבען דער שלאף-שטוב א אייזערנעם קויש מיט קאקס-קויהלען, כדי אזוי ארום אויסצוטריקענען די פייכטקייט פון די ווענד אין יענער שטוב.

פון דעם קאקס-קויש האט דער טשאד אריינגעשפארט זיך אין שלאף-צימער און געשטעלט אין געפאהר דאס לעבען פון דער גאנצער פאמיליע. ווען נישט די 2-יעהריגע חוה'לע וואלט זיכער געקומען צו א שוידערליך אונגליק.

פאגאטאוויע האט אלעמען אפגעמונטערט.

די פראצעדור ביים ארויסנעמען חתונה-אקטען ווערט פערלייכטערט

בקרוב וועט ערשיינען א פעראררדנונג וואס וועט אפשאפען אלע קאמפליקאציעס, וואס זענען ביז איצט פערבינדען מיט'ן דורכפיהרען די אזוי-גערופענע „זלאנטשעניעס" ביים שליסען חתונה אקטען. ממילא וועלען אפגעשאפט ווערען אלערליי אפצאהלונגען, וואס זענען פערבינדען מיט דער דאזיגער פארמאליטעט.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון זשורנאליסטען סינדיקאט

זונטאג 3 א זייגער נאכמיטאג צום ערשטען טערמין און 4 א זייגער נאכמיטאג צום צווייטען טערמין קומט פאר אין גאלדענעם זאל פון גראנד-האטעל א אלגעמיינע פערזאמלונג פון זשורנאליסטען-סינדיקאט. אויפ'ן סדר היום שטעהט די פראגע ווענען דער היי-יאהריגער פרעסע-רעדוטא פון די לאדזער זשורנאליסטען.

טראמווייען לויפען אויס יעדען טאג 4 מאל אזוי ווייט, ווי לאדז איז פון ניי-יארק

70 מיליאן פאסאזשירען געפאהרען אין 1930

(§) די סטאטיסטיק וועגען טראמוויי-פערקעהר אין לאדז ענטהאלט זעהר אינטערעסאנטע ציפערן. אין פערגלייך מיט 1929 איז די פרעקווענץ אויף די טראמווייען אין פאריגען יאהר בעדייטענד געפאלען.

די לאדזער טראמוויי-ליניעס האלטען 47 קילאמעטער לאנג. אין 1930 זענען מיט די טראמווייען געפאהרען 69 מיליאן 954,462 פאסאזשירען אויף איינמאליגע בילעטען (אין 1929—82 און א האלבען מיליאן), מיט בילעטען אויף לענגערע טערמינען 4 מיליאן 483,398 פאסאזשירען. די צאהל פאסאזשירען מיט די טראמווייען איז 123 מאל גרעסער, ווי אלע לאדזער איינוואוינער. מיט די טראמווייען זענען אויך איבערגעפיהרט געווארען 12.025 טאן סחורות. די פרעקווענץ אין 1930 איז געפאלען מיט 12 און א האלבען מיליאן פאסאזשירען. ד. ה. העכער א מיליאן פאסאזשירען וועניגער זענען געפאהרען אין פאריגען יאהר מיט די לאדזער טראמווייען יעדען חודש.

„הערשער פון דער נאכט" נעכטען געכאפט געווארען

(§) די באנדיטען-באנדע „די הערשער פון דער נאכט", וועלכע האט אין זיין צייט גראסירט אין לאדזער קאנט אונטער דער אנפיהרונג פון די בלוטיגע רוצחים קאטשמארעק און שטשעטשינסקי איז שוין געווארען ליקווידירט מיט א צייט צוריק. די שולדיגע זענען פערמשפט געווארען צו לאנגע, שווערע תפיסה. איינער נאר, סטאניסלאוו גאבריניאק פון אלעקסאנדער האט בשעתו זיך ארויסגעדרעהט און מ'האט איהם נישט געקענט כאפען.

נעכטען איז אין חיים פלאמ'ס אייזען-געשעפט אין אלעקסאנדער אויסגעפיהרט געווארען אנ'איינברוך און די פאליציי האט דערביי געכאפט אויף דער הייסער מינוט דעם געזוכטען גאברינאק.

ער איז איינגעזעצט געווארען אין לאדזער תפיסה אויף קאפערניק-גאס.

גרויסער מאסקאראד פון די פייערלעשער אין „פיל-הארמאניע"

צום גראנדיעזען מאסקאראד פון די לאדזער פייערלעשער אין די פרעכטיגע זאלען פון „פילהארמאניע" און „אזאזא" איז נאך איניגע געצעהלטע טעג.

דער מאסקאראד וועט געפראוועט ווערען על פי נוסח „קארשען-בלום", ווי אין אמת'ן פריהלינג.

די הכנסה איז בעשטימט פאר אינוואלידען צווישען די לאדזער פייערלעשער, וועלכע האבען אוועקגעגעבען זייער לעבען און געזונד פאר'ן וואויל פון אונזער געזעלשאפט.

א שטענדיגער לאדזער אדער א צייטווייליגער

ביים דורכפיהרען דעם נייעם מעלדונגס-סיסטעם וועלען אלע לאדזער בירגער מוזען ערקלערען, צי זיי ווילען פערשריבען ווערען אין די בעפעלקערונגס-ביכער אלס שטענדיגע לאדזער איינוואוינער, אדער אלס צייטווייליגע.

מהמרכז העברי ע"ש ד"ר י. נ. שמהוני בלודז

היום, ביום החמישי (29.1) ב8 שעות בדיוק תתקיים הרצאתו של ה"ה א. גלבלום על הנושא „האמנות היהודית הנוכחית", במעוננו צגלנינה 42 (קומה 1 בחזית). כל העברים מוזמנים. ביום הראשון 1.2. ב8 שעות בדיוק תתקיים באולם ההסתדרות הציונית] צגלנינה 4 נשף-שלונסקי בהשתתפותם של הד"ר י. פרנקל וחברי „הסתודיו הדרמתית העברית". מלבד זה אנו מודיעים כי בכל יום רביעי ב9 שעות מתקימות אספות „החוג לספרות עברית ובכל יום שבת ב5 שעות אספות „החוג לקורות עם ישראל". אולם הקריאה פתוח בכל יום מ8—10 בערב.

הועד.

ראדיא פראגראם

דאנערשטאג 29 יאנואר

לאדז (233,8) 11.58 שעה צייכען 12.0 גראמאפאן מוזיק, שול קאנצערט פון דער ווארשאווער פילהארמאנישען ארקעסטער מיט כאר בעטייליגונג אין סאליסטען (טר. פון ווארשא — 2 פארלעזען פון טעגליכען פראגראם ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר 3.35 קאמוניקאט פון ליגע פאר לופט אין געגען גאז אנגריפען פערטיידיגונג (טר. פון ווארשא) 3.50 פארטראג פון ווילנא „מיין פאטאגראפישע טעכניק" 4.15 גראמאפאן מוזיק פון ווארשא 5.15 פארטראג (טר. פון קראקא) „די היגיענע פון אונזערע בערג" 5.45 קאנצערט געווידמעט די שאפונגען, פון פיאטר מאשינסקי טר פון ווארשא 6.45 פערשידענעס 7.10 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס קאמער אין פארלעזען פון פראגראם אויפ'ן נעכסטען טאג 7.25 גראמאפאן מוזיק 7.35 ראדיא פרעסע זשורנאל — 8 פעליעטאן א. נ. „מיינע בעקאנטע" (טר. פון ווארשא) 8.15 טראנסמיסיע פון ווארשאווער קאנסערוואטאריום, קאנצערט פון די לאורעאטען פון די מאסקווער רע גירונגס קאנסערוואטאריומס, 10.45 „פ.א.ט" וועטער פאליציי, און ספארט קאמוניקאטען ווי אויך טאנץ מוזיק פון ווארשא.

פרייטאג 30 יאנואר.

לאדז (233.8) 11.58 שעה צייכען 12.05 גראמ. מוזיק 1.15 פארלעזען פון טעגליכען פראגראם ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר, 2.50 לעקציע פראנצויזיש (טר. פון ווארשא), 4.15 קאמוניקאט פון פוילישען פערבאנד פון קורצע כוואליעס פון ווארשא 4,25 גראמאפאן-פליטען מוזיק פון ווארשא 5.13 פארטראג „ניו יארקער יאלקען קראצער אין וואשינגטאנער גערטנער" (טר. פון ווארשא) 5,45 פאפולערער קאנצערט פון בלאז ארקעסטער פון 36 שיסער פולק (טר. פון ווארשא), 6.45 פערשידענעס 7.10 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס קאמער און פארלעזען פון פראגראם אויפ'ן נעכסטען טאג 7.25 גראמאפאן-מוזיק, 7.40 ראדיא פרעסע זשורנאל פון ווארשא, — 8 מוזיקאלישער שמועס בעשפרעכען פון סימפאנישען קאנצערט פון ווארשא 8.15 סימפאנישער קאנצערט פון ווארשאווער פילהארמאנישען ארקעסטער נאכ'ן קאנצערט „פ. א. ט." וועטער פאליציי און ספארט קאמוניקאטען ווי אויך רעטראנסמיסיע פון אויסלענדישע סטאציעס „א שעה ציר מיט'ן דעטעקטאר דורך איירפא.

—י.ס.—

פערשאָלטען בלוט

גרויסער שפּאַנענדער ראָמאַן פון דער היינטיגער צייט

(138 פאָרטזעצונג)

— גערט צוריק! צוריק! איך וויל ווייטער נישט הערען פון אייך קיין וואָרט! — האָט בעלאַ אַנ׳אויפגע-בראָזטע ווייטער אויסגערופע.

— איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר וועט זיין אַזוי נאַהויש און טרעטען מיט די אייגענע פיס אייער גליק. אויב איהר ווילט אַ קאַמף — איז ביטע זעהר! איך נעהם איהם אָן. איך בין בעוואָפענט פון קאָפּ ביז פיס. עס איז אפשר געווען אַנ׳אונטאַקטישקייט, וואָס איך האָב מיך איבעראיילט מיט מיין ליבעס-ערקלערונג. אייער שעהנהייט רייצט מיך אָבער און מיין הארץ איז פול מיט לײַדענשאַפטליכער ליבע צו אייך. גיט מיר די האַנד, מיין שעהן קינד, ציהט צוריק אייערע ווערטער, לאָמיר שליסען שלום און רעדען צווישען זיך מעה"ר קלוגער.

בעלאַ׳ן האָט פשוט אויסגעפּעהלט אָטעם. זיין חוצפה האָט זי אויפגערעגט אויף דאָס העכסטע. איהר געזיכט איז פון בושה געוואָרען רויט און בלאַס; אַלע קאַ-לירען האָבען זיך געטוישט דערויף.

ווידער האָט זי בײַדע הענט געפרעסט צו דער ברוסט און איהרע אויגען האָבען מיט גרעניצלאָזער פעראַכטונג געקוקט אויף דעם גראַף.

עדגאַר האָט געהאַלטען אויסגעשטרעקט די האַנד.

— ווילט איהר נישט לעבען גוט מיט מיר? — האָט ער ענדליך געפרעגט.

— איך זאָג אייך צום לעצטען מאָל: געהט ארויס פון דאַנען. מעהר זאָלט איהר נישט בעטרעטען די שוועל.

— הם. איך בעדויער, וואָס איך וועל וועל אייער וואונש נישט קענען ערפילען. איך האָף נאָך אַלץ, אַז מיר וועלען ווערען גוטע פריינד, — איז דער גראַף געגאַנגען נעהנטער

— געהט צוריק! — האָט בעלאַ ווייטער געשריגען. — ווען איהר וועט מאַכען נאָך איין שריט, וואַרף איך מיך אַראָפּ פון פענסטער. — און זי האָט אויפגעהויבען אַ צו-נויפגעביילטע פויסט.

— דאָס פענסטער איז פערמאַכט, שעהנע פרײַליין, און איהר האָט עס אויך נישט בדעה צו טון.

— שלעכטער מענש! איך שווער אייך, אַז איך האַלט וואָרט! ווען איהר וועט מאַכען נאָך אַ טריט צו מיר, וואַרף איך מיך אַראָפּ! — האָט בעלאַ געשריגען און מיט אַ צו-נויפגעדריקטער פויסט האָט זי אַ קלאַפּ געטון אין דער שויב. די שויב איז זיך צעשפּרונגען מיט אַ געבראַזגעריי...

— צום טייוועל! — האָט עדגאַר געברומט.

— דערנעהנטערט אייך נישט צו מיר! — האָט בעלאַ אַלץ דאָס זעלבע אויסגעריפען און איהרע אויגען האָבען געברענט אין צאָרן.

— אָך, ווי איהר זענט שעהן, ווען איהר זענט אין כעס! — האָט עדגאַר געמורמעלט אַנ׳ענטציקטער.

— אַרויס פון דאַנען! אַרויס! מאַכט אַ סוף צו דער דאָזיגער אונפערשעמטער סצענע — האָט בעלאַ געשריגען.

— אַ שאַד, אַ שאַד, וואָס איהר זענט אַזוי האַרט און גרויזאַם. נו, דאָס ספּעלע פּאַלט נישט ווייט פון בוים. איך מיז אייך נאָך זאָגען, אַז איהר האָט געהאַט אַ טעות אין מיר. איהר שרייבט מיר צו נישט ריכטיגע, אונגעהערליכע כונות. דאָס איז דורכאויס פאַלש. איך האָב מיך אָנגענומען פאַר אייך בלויז דערפאַר, ווייל — ווי איך האָב שוין גע-זאָגט — איך בין פערליבט אין אייך. און וואָר ווייס, צי איך וועל מיך נישט ענטשליסען צו מאַכען אייך פאַר מיין פרוי. איהר האָט מיך געשמידט אין קייטען פון ליבע, שעהנע פרײַליין בעלאַ.

— עלענדער, איהר רעדט איצט אַנדערש ווי מיט אַ מינוט פריהער. איהר האָט דאָך געזאָגט, אַז מיין פאָטער׳ס אומגליק האָט מיך אָפּגעשטויסען פון אַלע מענשען, בעדעקט מיך מיט שאַנדע און איצט זאָגט איהר, אַז איהר ווילט מיך מאַכען פאַר אייער...

— זך, פאַרדאָן, ענטשולדיגט. איך וואָלט נישט גע-קוקט אויף גאָרנישט. ווען איך וואָלט מיך פאַר אייך אָנגע-נומען, וואָלט אייך קיינער נישט געוואָגט צו בעליידיגען, — האָט זי עדגאַר אינטערגעבראָכען.

— געניג מיט דעם דאָזיגען עקעלהאַפטען געשפרעך. געהט פון דאַנען! — האָט בעלאַ ווידער אויסגעריפען.

— איך בין גרייט צו ערפילען אייער וואונש. אָבער ערלויבט מיר כאָטש פאַר׳ן אוועקגעהן אייך אַ קוש צו טון אין דער האַנד.

— ריהרט מיך נישט אָן. הילף! הילף! — האָט בעלאַ געשריגען נאָכרעם, ווי עדגאַר איז צו איהר צוגע-שפרונגען און גענומען בעדעקען איהר האַנד מיט פייער-דיגע קושען.

— צום טייוועל איהר זענט משוגע — האָט עדגאַר זי אָנגעקוקט מיט אַ פאָר בייזע אויגען. —וואָס איז פאַר אַ פערברעכען, ווען מען גיט אַ מיידעל אַ קוש אין דער האַנד?

אָבער ער האָט זיך נישט בעניגענט בלויז מיטען קושען די האַנד. ער האָט זיך האַסטיג אָנגעבויגען צו איהר און זיין הייסער וואַרעמער אָטעם האָט געוועהעט אויף איהר פנים, אויף איהר האַלז און אויף איהרע האָר.

— געהט אוועק פון מיר! — האָט בעלאַ מיט שרעק-ליכען צאָרן אַ געשריי געטון און דערלאַנגט איהם אַ פּעס-טען פּאַטש אין געזיכט.

עדגאַר איז צוריקגעשפּרונגען און אויסגערופען אַ העס-ליך זידעל-וואָרט.

— הילף! הילף! האָט בעלאַ אויפסניי געריפען.

(פאָרטזעצונג קומט).

דעם כוח פון ראָמאַן „די פרוי״ מאָרגען אין „לאָדזער טאָגעבלאַט״

Pensjonat i Internat dla dzieci i młodzieży „BAJKA”

EWY WOLRAUCHOWEJ
OTWOCK Gliniecka 7, willa Jasna (w pobliżu Śródborowa) Tel. 123

נעהמט אויך אָן אין ווינטער-סעזאָן דערוואַקסענע, ווי אויך פערזאָנען, וועלכע דאַרפען זיך געפינען אויף דיעטע (צוקער- ליידענדע, א. ד. גל.) דער פענסיאָנאַט געפינט זיך אין אַ 4-מאָרגיגען וואַלד. די ווילע איז אַ געמויערטע און בעזיצט אַלע מאָ-דערנסטע איינריכטונגען: צענטראַל-בעהייצונג, ראַדיאָ, טעלעפאָן, באַדעצימער, וואַרים- און קאַלט וואַסער.

גרויסע און זוניגע צימערן — די פרייזען זענען נידריגע בעשטעלונגען ווערען אויך אָנגענומען דורך דעם טעלעפאָן.

בעמ.: פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען אַ ספּעציעלע ענטשפרעכענדע דיעטע.

Komplet Freblowski

prowadzony w języku **polskim i hebrajskim** przez pierwszorzędną freblankę, został otwarty. Ogólne kierownictwo spoczywa w ręku

p. Sulamity Poznańskiej

(byłej kierow. szkoły języków i nauk handlowych)

Zapisy przyjmuje kancelarja od 9—1 p. p.

S. Poznańska, ul. Magistracka № 20.

UWAGA: Rutynowana nauczycielka udziela lekcyj gry fortepianowej. Pianino na miejscu.

קינא
ZACHĘTA
זגיערזשער-גאַס 26.

היינט און ווייטערדיגע טעג!

מאָנומענטאַל פילם-מייסטערווערק דאָס גרעסטע ווערק פון דער קינאָמאַטאָגראַפישער קונסט אין די לעצטע יאָהרען א. נ.:

די פירשטין טאַראַקאַנאָוו

ליבע און ענטוזיאַזם. ערהאַבענקייט און אויפאָפּפערונג. דער פאַטאַליזם וואָס רעגירט מיט׳ן גורל פון דער מענשהייט. טראַ-געדיע פון צוריסענע נשמות. אַוואַנטוריסטישע עפּאָפּעע, וועל-כע האָט אין די צייטען פון קאַטאַרינא בעדראָהט דעם טראָן.

די הויפּט-ראָלען קרעאירען:

Olaf Fjord, Rudolf Klein-Rooge, Edyta Johanne

די אויפנאַמען זענען אויסגעפיהרט אויף דער יבשה, ים און ספּעציעל פאַר׳ן פילם געבויטע שיפען.

אין דעם פילם נעמט אַנטייל אַ רוסישער כאָר

דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: „דער מענש פון נצחון״

אויסגעצייכנט. אָרקעסטער אונטער לייטונג פון י. סטעפּאַנסקי אָנפאַנג פון די סעאַנסען אין די וואָכען טעג 4 אַ זייגער נאָכ-מיטאָג. — שבת, זונטאָג, און חגאות 12 אַ זייגער פאַרמיטאָג.

דער זאַל איז גוט געהייצט.

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש

אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אָנ-געוועהטאָגטע ענינים זאָלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביוראָ

פעטריקאָווער 17

2-טער הויף פאָרטער

דורכגאַנג זאַכאַדניאַ 52, טעל. 148-79.

וואו ס׳ווערט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי ביטעס, קלויזיליעס און זאַ-בעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען איז משך פון 24 שעה. אַפּע-לאַציעס, אַפּאָזיציעס, אַדוואָלאַניעס, רע-קורסען וועגען פּענסיעס, ווייזעס אין קאָ-מיסאַריאַט-זשאַנדר, וועקסעל-פּראָטעסטען אויף באַנק פּוילען און גאַליציען ווערען פּינקטליך און געוויסענהאַפט ערלעדיגט צו די ביליגסטע פּרייזן. שותפות-אַקטען, סטאַטוטן, איבערזעצונגען, אינטעראַפּעלאַציעס, אַקטן, דאַראַווזינעס אַלערליי ספּראַוועס ווערען אָנגענומען אַדורכצופיהרען, עיוען-טועל מיט אַנ׳ אַדוואָקאַט.

די איינציגע טאָכטער פון ישׂראל מאַנעלאַ

2-טער הויף פאָרטער, דורכגאַנג זאַכאַדניאַ 52, טעל. 148-79.

בעמ.: דאָס ניי-„געבאַקענע״ מאַנעלאַ-ביוראָ אויפ׳ן ערשטען הויף האָט נישט קיין שום שייכות מיט׳ן לאַנג-עקזיסטירענדען ביוראָ, וואָס געפינט זיך

אין צווייטען הויף פאָרטער

טעלעפאָן 148-79

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה

אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך, אז תשכן בטח ושאנן, כי הלך בתום ילך בטח ומעקש דרכיו יודע

איבער דעם זאָלסטו נאָר קומען אין ביוראָ

פון ד. מאַנעלאַ

וואָס איז איבערגעטראָגען געוואָרען פון צווייטען הויף אויפ׳ן ערשטען הויף פּיעטריקאָווער 17, לינקע אָפיצינע פאַרטער, טעל. 124-95

וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, געוויסענהאַפט געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילנע, קאַרנע האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס, אַדוואָלאַניעס, קלאַוזולעס זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, וועגען דירות אין אורזשאַנד ראַזיעמטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. בעמ.: קלאַוזולעס און זאַבעזפּיע-טשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט אין משך פון 24 שעה.

מיט אַכטונג ד. מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17, 1-טער הויף

וויכטיג פאַר די, וואָס געלד איז ביי זיי טייער!

איך קויף מעבעל, דיוואַנעס, שרייב-מאַשינען, אַנציגער און פערשידענעגעט געגנשטענדען. כ׳צאָהל די בעסטע פּרייזען שענקעוויטשאַ 23 אין מעבעל-געשעפט

א. ווייצמאַן

בעמ.: ביי מיר איז שטענדיג אויף לאַגער שעהן מאָדערנע מעבעל ביליג.

Dr. med. E. Reicher

ספעציאַל אַרצט פאַר הויט האָר און וועגערישע קראַנקהייטן דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטראָ-טעראַפּיע פּאָלודניאָווע 28 טעל. 201-93. נעמט אָן פון 8–11 פריה און 5—9 אָוונט. זונטאָג פון 1–1 מיטאָג. פאַר אָרעמע לעטשעניצע ...

Dr. med. G. Gersztajn

ספעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען (טראַוגוטאַ) Traugutta 12 Telefon 175-10 נעמט אָן פון 11 ביז 1 און פון 7 ביז 8 אָוונט.

Dr. Niewiażski

צוריקגעקעהרט

ספעציאַליסט

פאַר סיפיליס, טריפּער און מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען און עלעקטראָ-טעראַפּיע אַנאַליזען.

פאַר דאַמען ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.

אַנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40

נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה, און פון 5-9 אָוונט, זונטאָג פון 9 ביז 1 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

Dr. Wołkowyski

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

צעגיעלניאַנאַ 36

טעלעפאָן 216-90

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע. אַלע-אַרט אַנאַליזע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַלען.

נעמט אָן פון 9-2, און פון 5-9 אָוונט, בעזונדער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med H. Różaner

ספּעציאַליסט פון הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט

נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 128-08

נעהמט אָן פון 8-10; 5-8 אָוונט

אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. J. IMICH

צוריקגעקעהרט.

ספּעציאַליסט פאַר האַלז, נאָז אויערען און קעהל-קאָפּ-קראַנקהייטען

מאַניושקי 1 № — טעל. 209-97

נעמט אָן פון 5-7, זונטאָג און חגאות פון 1-2 נאָכמ.

FORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערוועז-קראַנקהייטען.

קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישע היילמאַשינען-קאַבינעט

טעגליך פון 8 אַ זייגער פריה ביז 9 אָוונט

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג

בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זלאָטעס

די שענסטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען

און סאָלידע אויספיהרונג איז נאָר אין דעם ערשטקל. קונסט-פאָטאָגראַפישע אַטעליער

„PARISIEN“

אינהאַבער: ה. סראָקאַ, לאָדז, פראַנציסקאַנער № 30

עס ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי אַרבייטען, וואָס אָנבעלאַנגט צו פאָטאָגראַפיע, צ. ב. רעפּראָדוקציעס פון מאָלער-בילדער, מאַשינען-פּלענער, אַרכיטעקטור, פאַבריקס-לאָקאַלען, אינערן און אויסערן-אויפנאַמען, פּעראיינס-בילדער, גרופּען, בעלער, באַנקע-טען, אַרטיסטישע קרייזען, אַמאַטאָרען-פאָרשטעלונגען א. אַז. וו. אַלע אויפנאַמען ווערען אויסגעפיהרט דורך מיר פּערזענליך. ספּעציאַליטעט פון פּאָרטרעטען, ווי אויך אַ גרויסער אויסוואַהל פון פערשידענע ראַהמען, צו זעהר ביליגע פּרייזען.

צופאָהר מיט די טראַמווייען 1, 6, 14.

מיט אַכטונג

Zakład Fotograficzny „PARISIEN”

wł. H. SROKA

Łódź, Franciszkańska 30

צו פערדינגען

אַ גרויס צימער מיט 2 פענסטער און אַ בע-זונדערען איינגאַנג, פאַרטער. צו פרעגען ביי גאַרפינקעל ריבנאַ-גאַס 10

צו פערדינגען

2 פראָנטאָווע צימער און קוך. אין צענטרום נאָוואָמיעסקאַ פון זאַפּאַרט. צו ערפאַהרען אין די אַדמיניסטראַציע אונטער „מ. פ.“

פוילישע שפּראַך

אין וואָרט און שריפט, ליטעראַטור, קאָרעס-פּאָנדענץ לערענט אויס גרינדליך אַ ערפאַה-רענער לעהרער מיט העכערער. בילדונג. אַנדזשעיאַ 7, וו. 8 פון 2-3 און 7-9 אָוו.

Pełny wspaniały biust

Jak go zdobyć w krótkim czasie wskazuje bezpłatnie: Pani E. Feldt, Gdańsk, Leegethor 71.

פייער—לעבען—און גנבה—פערזיכערונגען

נעהם איך אָן פאַר די גרעסטע פערזיכערונגס-געזעלשאַפטען

P. Z. Gliksman, Łódź

Zawadzka 16a Tel. 164-47.

פוילישע שפּראַך

לערנט ערלערנט גרינדליך דורך אַ קורצער צייט וואַכאָדניאַ 29, וו. 3.

Dr. med, St. Praport

Ginekolog Urolog

ספּעציאַליסט פאַר פרויען און אורין קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 6-8 אָוונט

גדאַנסקאַ 77a, טעל. 208-95

אין לעטשניצע „סאַניטאַס“, ציגעל-גאַס 29 פון 11 ביז 1 מיטאָג.

וויכטיג פאַר דאַמען!

מאַכע איך די עלעגאַנטסטע דאַמען-היטע נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע און די עלטעסטע היטע איבעראַר-בייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט דעם אדרעס:

23 זאַוואַדזקאַ 23

אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס פאַרטער.

נאָר פאַר 2.50 זל.

בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין פיינער אויס-פיהרונג ביליגער 50 פּראָצ. ווי איבעראַל

„TOLA“

דאַמען-סאַקעווקעס

פון אַלטע פילץ-היט אָהן אינטערשיד מעגע-דער דאַמען-היט. מאַך איך די שענסטע פאַסאָנס סאַקעווקעס אין פיינסטער אויס-פיהרונג צו שפּאָט ביליגע פּרייזען.

אבאָנעמענטס-פרייז: [illegible] אַנאָנסען-פרייז: [illegible]

Redaktor-wydawca B. Hamburski — Drukarnia [illegible] M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska [illegible]